פון די טיפעניש שלאָגט אַרויס דאָס וואַסער,
אין די טיפעניש שלאָגט אַרײַן דער בוים,
אויף די פּלייצעס מײַנע הויקערט תרח'ס משא,
ס'וויינט ישמעאל נאָך בײַ מדבר'ס זוים.

האָסט מיך, גאָט, געשיקט פאַר דיר אין קאַלעכאַויון,
איך אַליין אין פֿײַער האָב זיך אויסגעפּראַוועט,
נאָר דאָס ווידער־קול פון מײַנע אָפּגעשיילטע קרובים
אין דער מדבר־נאַכט הער איך נאָך אַלץ ווי ס'רופט.

ס'וועט דער איישלבוים דאָ וואַקסן אין באר־שבע,
זײַנע וואָרצלען צו מײַן ברונעם צוגעקלעפּט,
אָבער איך וועל הערן נאָך ישמעאל'ס רעווע,
דער לעצטער טראָפּן פון קרוג אויסגעשעפּט.

דיך־דערקענטעניש האָט מיר אַ ליכט־קוואַל אויפגעעפנט,
כ'האָב דעם איבער־מיר דערשפּירט אין מיר אַליין,
נאָר דעם סוד, ווי נידער־מיר אין פּשוט'קייט צו טרעפן
ליגט פאַרהוילן אינעם גרויען, שטומען שטיין.

און פאַרהוילענער איז נאָך דער מענטש, ווי איך, ווי שרה,
וואָס צעריסן איז ער צווישן שלעכט און גוט,
וואָס אַ סך מאָל שיילט ער שטיקערווײַס פון זיך די קאָרע
און דערגייט, אַז בײדע זענען אייגן בלוט.

כ'האָב געבעטן, גאָט, בײַ דיר, פאַר סדום און פאַר עמורה,
פאַר די פּופּציק, פאַר די צעך, פאַר איינעם נאָר,
און אַצינדערט ווער איך ערשט אין זיך אַליין געוואַוירע,
אַז פאַר מיר איז דאָס געבעט, און פאַר מײַן דור.

כ'האָב צעפּופּציקט זיך, צעצענטלט זיך, צעדריבלט,
און דערנאָך געלאָזט אַ טײַלעכל, אַן איינס,
פאַרן אָרעמסטן אין שטרוי־ און לײַמיק־שטיבל,
פאַרן פּינטעלע אין מיר, דעם קווינטל ריינס.

האָסט פאַרברענט, פאַר'משפט מיך, און אַלע סדום'ען,
וואָס דעם מענטש אין זיך צו טראָגן איז באַשערט —
כ'פלאַנץ אַן איישלבוים פאַר דיר, צו הייליקן דײַן נאָמען,
מיט דער צווײַג זאָל גרינען מײַן טרויער אויף דער ערד.



307

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

6־9 (העפט 16־413) 34־סטער יאָר יוני־סעפּ. 1973 לאָנדאָן

אינהאַלט :


דער באַרדיטשעווער, אַ קליינע אליהו הנביא באַלאַדע, דעם נײַשטעטערס אייניקל א.א. °°° 3
אין דוד המלך'ס גאָרטן ...... יוסף וויינשטיין 19
פון משה רבינו ביז טהעאָדאָר הערצל (לכבוד ביאַליקס הונדערטסטן געבוירנטאָג)
דר. מאיר גערטנער 21
על ראש הראל — אויף גאָטס שפּיץ באַרג, אכן גם כי . . . — ווײַל איר ווי רוצחים
חיים נחמן ביאַליק 22
שלום אַש — דער דיכטער. פון קאָצקער חסידות ...... י. ח. קלינגער 25
אַ צוואה פון אַ טאַטן (ליד) ...... ה. פּאַצאַנאָווסקי 22
וולאַדימיר מעדעם ...... סעם לעף 33
אונזער תושב מאיר צעלניקער ...... נעט רובין 37
מאיר צעלניקערס פינף און זיבעציק יעריקער יובל ...... אײַזיק גאָלדבערג 39
דער שורש, לעצטע לידער, אַ שטעקעלע אַרײַן אַ שטעקעלע אַרויס א. נ. שטענצל 40
ווען יצחק יאַמראַזע זינגט זמירות ...... יעקב דזשערגאָווסקי 56
אַ האַדילעי אין מאַיאָרקאַ ...... אײַזיק גאָלדבערג 57
זכרונות וועגן מײַן פאָטער ...... אַליאָשאַ טאָלסטאָי 61
קעזענאָוו ראָד 1961 — בילד ...... א. ב. לעווי 64
לאָנדאָנער קולטור ידיעות 64
שלום־ליד, מוזיק מאיר באָגדאַנסקי, ווערטער א. נ. שטענצל 67
ראש השנה באַגריסונגען, ניי־יאָר באַגריסונג פונם באָרד אָף דעפּיוטיס פּרעזידענט 68
די כותל (בילד) ...... חיה פרידמאַן 68


**יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, יעדן שבת 3 אַ זייגער אין ברעדי קלוב אין העמבערי סטר 192 א.1 — אײַנטריט פרײַ.**


רעדאַקטירט א. נ. שטענצל
פרײַז 10 פּענס
אַבאָנאַמענט־פּרײַז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אַדרעס פון רעדאַקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי! בר כוכבא און כגמל פון פעגלאג „נאראד פרעס“ ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזינטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

אונזער טאכטער, איידעם, איניקלעך, ריטשמאנס משפחה און פריינט פון יידיש לשון און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייוועור ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן שוועסטער און בגודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א כוח״ט.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

סיידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

לשנה טובה צו מיין טאכטער און אייידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשולִאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן“, מדינת ישראל, ולכל ישראל חיים נח בענקוויטש.

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה א כתיבה וחתימה טובה.

מאטל און עטטי מארגנשטערן ווינטשן די משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום.

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוח״ט.

איך סעם גאלדבערג ווינש אלע אונזערע פריינד א גוט געזונט מזל׳דיק יאר.

א לשנה טובה משה קראלענבאום, פרוי, דער טאכטער אסתר און הניא מיטן מאן, יחיאל, און קינדער ווי אויך מיכאל שטיינלויף, אין אויסטראליען, ווינטש איך, א. אלמוג.

י. ח. קלינגער ווינטשט פריינט און באקאנטע א גליקלעך יאר תשל״ד.

## לאנדאנער קולטור - ידיעות

רבי שלמה גורן, דער אשכנזישער ראש הרבנים פון ישראל, געפינט זיך אויף א שליחות אין לאנדאן.

•   •   •

דער טריסקער רבי וואס איז א תושב איצט אין ישראל איז אויף א באזוך אין לאנדאן.

•   •   •

רבי שלמה בוימגארטן, דיין פון עדת־

ישראל האט אדורכגעמאכט אן אפעראציע אין יידישן שפיטאל אין ווייטשעפל. מיר ווינטשן דעם חשובן רב ארפואה שלימה.

•   •   •

אין די קומענדיקע חדשים ארדנט איין דאס הלל־הויז יידיש־קורסן פאר יידישע סטודענטן און אויך לעקציעס איבער יידישע ליטעראטור און יידיש־וויסן.

•   •   •



# לשון און לעבן

לאנדאן יוני־סעפ. 1973 34־סטער יאר (העפט 16־413) 9־6

## דער באַרדיטשעווער

— צום 200־סטן געבוירן־יאר פון ר׳ לוי יצחק מבארדיטשעוו —

א

חבר־לאפ מיט יעדן נבזה!
שטאט־פרנסים זיך אנגעצינדן,
ווען קראנקן שינדער א נבילה,
ער מיטן גאס געהאלפן שינדן.

אין מקוה האט די מחלוקה,
קאכעדיק ערשט געגומען היצן;
ווי לומדיש־ווילד גאוה־בליקן,
זיך געטון טון פלאמיק צעבליצן.

א רב? א מרא דאתרא?!
א שבתי צבי, פון כת איינער!!
און ווען ר׳איז פון מקוה ארויס,
טהור־געטובלט, געלויטערט ריינער — —

אויף מיסט־טאטשקע אים געשליידערט,
מיט גארטל זיינער פעסט געבונדן;
פון שטאט ארויסגעפירט — א ליכט,
שבת־קודשדיק אנגעצונדן.

ב

ווען לוי יצחק דעמלט
פון זשעלעכאוו ארויסגעטריבן,
אינמיטן פעלד, הינטער דער שטאט
אויף א שטיין ר׳איז זיצן געבליבן.

פרייטאג שפעט — וויאזוי ווייטער?
די מתנגדים, חלילה, צו האסן,
האט זיין גאנצע מחשבה זיך
פארמוחט א תחינה צו „פארפאסן“.

„מטה־דו, מעלה־דו, דו, דו — —“
מ׳מוז זיך בלויז פארטיפן, דערהויבן;
וואס פארלוירענער דער מענטש איז,
דעמלט ערשט קען ער דיך לויבן!

אז אויב זיך שוין קריגן, איז עס
מיט דיר, דו, רבונו־של־עולם!
וואס איז עס דען דאס מענטשעלע
אן דיין שם־המפורש? — א גולם!

ג

די דריי שבתדיקע סעודות,
זינגענדיק, די חלה געגעסן,
וואס א פרוי אים צוגעווארפן — —
דער שטיין אויף אים ער איז געזעסן,

דעם „ווייכן שטיין“ ר׳האט גערופן,
ווייל אויף אים ער געטון פארטראכטן
א תפילה פאר די ארימסטע,
פאר די סמוטנע שבת־פארנאכטן.

אויף עברי־טייטש, מאמע־לשון,
פאר יידישע פרויען צו זאגן
און פאר פראסטן בעל־עגלה
ווען ער שמירט די רעדער פון וואגן —

איז דאך א יידישער פורמאן,
ווי נאר דריי שטערן זיך באווייזן,
מיט פערד־און־וואגן געקומען — —
ווי דערפריידט ס׳הארץ געווארן איז׳ן.

ד

ווי יעקב אויף הימל־לייטער,
די עולים ויורדים זיך בייטן,
אזוי ער משיחן דערזען,
וואס קומט אן אויפן פערד צו רייטן.

ווי ווייך יענע שטיינער געווען,
אז אין איין שטיין זיך אויסגעקנעטן,
אזוי זייגער פון די טרערן,
„פולע וואך“ פאר יידן געבעטן.



אין וועלכן מקום געקומען,
די געסלעך געגאנגען אויף רעדער;
קינד און קייט אויף מארק שוין געווען,
די תפילה געקענט שוין איעדער —

ווי פארויס זי וואלט געלאפן!
גאנצע שטעטלעך גייען אקייגן;
ווי אויף שטיין זיצן געבליבן,
די שטיינער פאר זיין טראט זיך נייגן.

ה

אין תחינות מ׳האט זי שוין געלייענט,
אין בארדיטשעוו ר׳ איז אנגעקומען!
פרייטאג פארנאכט ס׳איז געווען,
מיט ליכט־בענטשן אים אויפגענומען.

דער שבת דעמלט אין דער שטאט!
דאס טישן־פירן, די געזאנגען,
די שווערע שלוש־סעודה שעה,
ווען די זון איז אונטערגעגאנגען.

אין בית־המדרש די דביקות —
איינס באהאפטן: פרנס און בעדער!
ערשט דרויסן די ווייבער ארום,
באלגאלע שמירנדיק די רעדער.

„ג אט אעיינציקער, דערבארעמדיקער,
אז אויף דעם אהער מיך געטריבן!“
און ר׳ לוי יצחק איז שוין
בארדיטשעווער רב געבליבן.

* * *

און ווען די שטאט שוין נישט זיין מער,
איר נאמען אבער אייביק בלייבן —
אויף וועג צו דיר אהער, האט ער,
זיין „ג אט פון אברהם“ געטון שרייבן.

אזוי פראסט, איינפאך און פשוט,
מיט גאנצן הארץ ליבן און גלויבן —
די אייביקייט מ׳גייט אקייגן,
צו העכעסטער הייך הייליק דערהויבן.

# ארום ווארט

## א.

א מכשף, וואס דרייט זיך אין אן עיגול
ארום זיין שטעקן א שפרונג אויסצוגעפינען,
דרייט זיך, דרייט זיך, שעפטשעט שטיל, מורמלט ווילד
ביז פארמאטערט אראפ ער גייט פון זינען.

ליגן בלייבט ער אין אויסגעטראטענעם ראד,
שוים אויף זיינע בלוט־צעביסענע ליפן;
די גלגלים איבער אים — דראטענע זיפ,
שטערן, פאלנדיקע איבער אים, זיך זיפן.

און מיט פארגלייזטע, פארגלאצטע שפרוכן,
לייגט ער ארויס סוד־באהאלטענע שפרוכן;
מיט שוים אויף זיינע לפעצן פארביסענע
די מענטשן צו בענטשן אדער פארפלוכן.

אזוי ארום מיין דארניק ווארט דריי איך מיך,
ס׳לויפן די בילדער אלץ ווילדער און ווילדער;
דאס גלגל־הארץ דרייט זיך מיט מיר מיט,
פון דעם וואס גייט קומען, דאס שרעק־געשילדער —

א גלגול פון אזא מכשף איך בין,
איבער מיר — לעצטער שטערן אויסגעלאשן!
איידער א קללה פון מיין מויל ס׳זאל קומען,
אפגענומען ווערן ס׳זאל מיר מיין לשון.

## ב.

ס׳גייט דען אין ווארט? — אין די אותיות!
ווי די ראשי־תיבות צונויפגעשטעלט — —
אין ברכות קאן זיך פארוואנדלען
צומאל דאס בייזעסטע בלעם־געשעלט.

און צי קאן מען דען נישט אומברענגען
אונזער גאנץ וועלטל מיט איין פארמול־אות?
זע, שערי־ציון שטייען אויפגעעפנט
מיט לפ״ק אלפים שטערן צו חצות.



ביז דער סאמועל — ס״מ — זיך פארוואנדלט
אינם הייליקן שם פון ייד מיט ייד —
ביזגל פון די שפיזן און שווערדן
אקעראייזנס און סערפן אויסגעשמידט.

זעקס מאל מלא ירושלים
אין תנ״ך — זעקס מיליאן יידן אין ישראל!
בלויז אז אויב זעקס מיליאן געמוזט זיין
אין אונזער לעצטן, טיפסטן יאמערטאל?

מאכט נישט דאס ווארט יידיש אויף צוריק
ש די? אבער אן דעם ייד מאכט עס ש ד — —
ניק, ס׳זיינען נישט נאר די אותיות —
דאס ווארט, פון טיפסטן הארץ ארויסגערעדט.

אגב אורחא:
וונדערלעך, אין איכה־ליד זעקס מאל,
ס׳ווארט ירושלים חסר — אן ייד!
אבער דער „אוד מוצל מן האש״,
אין „זעקס־טעג־קריג״ דער אש־בארג אויפגעגליט.

* * *

אויב נישט געהייליקט און ערלעך דאס ווארט, דאס אות,
מענטשלעכע הערצער מיט גוטסקייט אויפצוועקן,
פארמול־ציפער לוציפער־געציפער ווערן,
גאנצן ערד־קיילעך אונזערן אפצומעקן — —

ס׳הייבט ערשטער ברודער שוין קייגן ברודער זיין האק,
מיט בלוטיק מיטל צו הייליקן זיינע צוועקן?
די צונג וואס דרייט זיך און צישט גיפטיק ווי א שלאנג,
ווי הנאהדיק טוט זי זיך מיטן בלוט באלעקן.

איז נישט א גיפט־צישנדיקע שלאנג געווארן,
פון נס־ברענגדיקן מטה־משה שטעקן?
אויב צום לעבן אויסגענוצט און נישט צו מארדן,
ברויט און ליכט און פרייד פאר אלע מענשן קלעקן.

## די זעקס מיליאן קדושים

וואו זיינען די זעקס מיליאן נשמות
אין זייער טויט־פלאטער אהינגעפלויגן ?
וואו אין זייער שרעק מיט לעצטן אטעם,
מיט גסיסה־נעפל, פארגלייזטע אויגן,
קעפלעך זייערע טויט־פארחלשטע
צווישן די פליגעלעך ארייננעצויגן ?

וואו זיינען די זעקס מיליאן נשמות
אין זייער טויט־פחד אהינגעפלויגן ?

פלעווען, וואס שטייגן אויף פון די מלויצעס,
פון פאך פון זייערן ווייטער געטריבן
אין ירושלים אויף דר כותל,
פארוואגלטע שוועלבלעך זיצן געבליבן;
מיט שוואכסטן פליגעלע אויגן געווישט,
לעצט געבליבענע טרער אויסגעריבן.

פעדערל אינם הארץ־בלוט איינגעטונקט,
יעדע ווייאיקע וואונד — ווארט זיך צעשריבן :

נישט געפילט שוין מער דעם אייגענעם צער,
לעצטן אטעם נאר נאך קענען אויסהאלטן.
אזא כאר פון כארכל־געזאנגען
ארייננעזונגען צווישן די שטיינער־שפאלטן !
יעדן פרימארגן נידערט די שכינה,
פון קיין אויגן געזען, צניעותדיק באהאלטן —

דער טוי אויף די ירושלים־בערג,
די טרערן צווישן אירע באקן־פאלטן.

## צו דער פאטא פון דייטשן קאנצלער אויפן מסדה־בארג

געגעבן א ציטער דער קאנצלער
פון דעם מסדה כאמסין־ווינד;
אבער א פילאט א יידישער
הרגעט נישט — פארט א יידיש קינד.



בלויז א שפיל זיך געגעבן מיט אים,
נאך איין רגע און ג אט באהיט;
אויף די קני געשטאנען אין ווארשע,
אויך אצינד אין ישראל געקניט.

מיניסטארן מאכן פאליטיק,
אייגענער יאט אבער — פילאט !
טויט־דערשראקן, נעבעך, דער קאנצלער
אויף פאטא נאך אויסגעזען האט.

וואסער פנים ערשט געמוזט האבן
ווען אין מסדה־זאמד געקניט;
בחינם א ציטער געטון, דייטש,
ווארום א ייד בלייבט דאך א ייד.

דערמאנט ער נישט אין זיין געשטרייפט העמד,
דער וואס שטייט ביי זיין לינקער זייט,
א קאצעטניק ? אויב נישט דער פילאט,
כאמסין־ווינט געוועזן איז גרייט :

ווא־א־א־ס־ס־ס, „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס״
אין ישראל געזונגען דאס ליד ?
ווי א קופע קרעמאטאריע־אש
מסדה־בארג אין זון געגליט.

נולן, נולן, נולן — זעקס מיליאן !
פארשטיין מיט מענטשלעכן פארשטאנד ?
און גוטמאכן וויל עס, דער ווילי,
איין נויג און — מיט קאפ אין דער וואנט.

ווי א וואלף וואיעט וויסטעניש ווינט,
ווי פייער־פלאם זיין אטעם בריט :
ווילי, ווען נישט דער ייד דער פילאט,
וואלסט אין ישראל שוין נישט געקניט.

געבליבן נאך דיר ס'וואלט א נאמען
ווי נאך פוילישן פרעזידענט,
אין וועלכן געפלויגן . . א נס וואס
געוועזן ביסט אין יידישע הענט.

איינגעזאלצן אין ים־המלח,
געלעגן איצט און זיך געמיט — —
אויף די קני געשטאנען אין ווארשע,
דא פאר דיין לעבן האסט נעקגיג.

## צו דער פאטא פון די צוויי גרעסטע — די צוויי־איינקייט

. . אז דער האלט אין איין ציילן זיינע וואסער־באמבעלעך,
דער ברויכט בלויז א דריק געבן ביים קנעפל און — גלייך!
ביידע וויסן שוין גענוי פון מענטשס לעבן די ווערט — —
לאמיר איינרייסן ס׳ארון־קודש — למנצח!

פון אלע זייערע וואסערדיקע, מאנטנע רייד,
וואס־זשע זיך שוין אויסגעלאזן — א בלוטיקער טייך!
אז קיין הייליקייט אין ארון צומאל שוין נישט שטייט — —
לאמיר אים איינרייסן מיט געהייל — למנצח.

לבנה אין די נעכט שוין — פאפירענע לאמטער,
די זון אויסצולעשן מ׳קלעטערט שוין אין דער הייך;
אלע זיבן הימלען שוין ארונטערגעריסן — —
ס׳האלט שוין ביים לעצטן טפח ערד — למנצח.

כשרט דאך יעטוועדן פארפירערס ציל — זיין מיטל,
און אשר־יצר־דאלאר האט נישט קיין ריח!
אזא וועלטל, מישטיינסגעזאגט, כאש א שפיי צו געבן
אויף דעם גאנצן שוין עלינו לשבח.

א ליגנער עס איז דער מענטש, א מיאוסער רוצח,
און זיין רק ער וויל א העלד, א מנצח!
אן פארגעטלעכטן ווארט דערהויבן און הויך דערהייכט,
וואס איז ער? — א נידריקע חיה! — למנצח.

אויבדאס־א, אז אך און וויי, עס איז דער בן אדם,
אויב דאס הייליקסטע ווארט זיינס — עוף־פורח,
א טריפה איי מיט „בליץ־טראפ״ — דער ערד־קיילעך,
זיך שוין אויספיקן — ווראנעס! למנצח —.

א שאד יעטוועדעס ווארט שוין און ערשט מינדסטער גראם,
בלייך פארלאשן יעטוועדער ליכטיקער פארגלייך — —
ווי ס׳עכאן הילכיק די ליידיקע ראדיא־קעסטלעך,
אויפרייסן די פולע הערצער — למנצח.



## די הערצל - פאטא אויף דער רהיין - בריק

—יוסף פרענקלען דעם הערצל־היסטאריקער צו זיין ווערן א בן־שבעים—

אלס קינד נאך געדענק איך דאס בילד,
ווי הערצל שטייט אויף דער רהיין־בריק,
און ווען מיר האבן זיך דערציילט
פון דער פאפירענער און אייזערנער,
זי זיך באוויזן אין מיין בליק.

זע, א געזאלבטער, א מלך,
א דוד אין דער „שווארבע״ שטייט!
ווי קעניגלעך, ווי מלכותדיק
די געטאקטע, קיילעכדיקע בארד,
דער קלארער, קלוגער בליק ווי ווייט.

ווי זיכער ער שטייט אויף דער בריק,
אונטער אים ווילד כוואליעט דער טייך — —
דעם אחרית־הימים זעט ער!
באפרייט די גלות־געיאגטע —
א פאלק מיט אלע פעלקער גלייך.

בלויז ביז היינט ציטערט מיין הארץ,
ס׳וויס נאך אלץ נישט: איז זי געווען
די פאפיר־ צי די אייזערנע,
ווען אלס חדר־יינגל דעמלט
שטיין אויף איר כ׳האב הערצלען געזען —

מיינט טאקע „אחרית־הימים״
א פאלק „ככל הגוים״ צו זיין?
איז דער „על חרבך תחיה״
ברכהדיקער און שענער ווי
אויף קידוש־השם אויסצוגיין?

## אזא מאמע - רחל ליד — קול ברמה נשמע —

א

ווי דעמלט זיי נבוזראדן,
זיי איצט געפאנגענע טרייבן;
אז די כותל געהער צו זיי,
ווער אזוינס געקאנט גלייבן?

וי פייער־פלאמען און וואסער,
טרערן גליאיק זיך פעראיינען,
פון די זיגער און באזיגטע,
זיג־געזאנגען און געוויינען.

„לדוד ברוך״! י־רו־ש־
ל־ים, אז גאנץ דו זאלסט ווערן
„עצבותי למלחמה״! זיך
גענומען צו די געווערן.

ב

א מאמע איז דאך א מאמע,
און קינדער זיינען דאך קינדער,
שטייען פארן אוהל־רחל
די בני־הגר גאר אצינדער:

„פארשפילט, פארלוירן, פארקויפטע,
אין עק וועלט וואו כאטש צו לויפן — —
האבן נישט אויך דיין יוספן
די ברידער געטון פארקויפן?

„פארשעמט, פארשמאכט, צו שאנד און שפאט,
וואס זאל אצינד פון אונז ווערן?״
און דער מאמע רחלס אויגן
פול ווערן מיט הייסע טרערן.

ג

און טרייסט ווערטער זי נעמט זוכן,
א מאמע איז דאך א מאמע:
„נאך א ווילע, נאך א ווילע,
און ס׳וועט אלץ גוט זיין, מסתמא.

„מיינע קינדער רוצחים, חלילה?
אליין אזויפיל געליטן!
און טויזנטער יארן געווארט,
משיח שוין קומען געריטן״.

און איר מאמע־קול געהערט ווערט,
א הארץ קאן צעריסן ווערן:
„גאט, צווישן די מענטשנקינדער
די שנאה ווען שוין אויפהערן?״



ד

און א קול פון דער הייך זיך הערט,
אויפציטערן אלע וועלטן;
די רייד טאטעדיק־הארט און קלאר,
נישט זיי בענטשן, נישט זיי שעלטן:

„ווילאנג דער מענטש אויף בראך־שטול ערד
זיצן רק קריג צו געווינען,
נישט אויפהערן העמלט עס וועט
מענטשנקינדערס בלוט צו רינען.״

און מאמע רחל אין קבר,
אין איר צער ביטערן, שווערן,
צו וויינען טוט נישט אויפהערן,
ווי הייס ס׳טריפן אירע טרערן.

## צום פארטרעט פון פרעזידענט פון מדינת-ישראל מיט א קאץ אין שויס

— אין „דזשואיש אבסערווער״ דעם 9טן יוני, 1973 —

ס׳פארמלען זיך ווי ציפערן צוויי אויגן —
און ארויס עס קומט א קאץ פון זאק:
בעסער איינער דעם צווייטן א פיסל
איידער אונטערשטעלן די צווייטע באק?

אומענדלעך שטייט ליניע קייגן ליניע
ווען קרייז אויפגעבראכן מיט שארפער האק;
גייט דאך א זון אויף אין יעדן אטאם —
ווי ס׳דונערט יעדער צעבליצטער ציק־צאק!

דרייעק איבער דרייעק אונזער עמבלעם,
וואס שווערער פראבלעם, אלץ לייכטער דער „פאק״:
רוק־צוק, שלום האנט קעציש אויסגעשטרעקט — —
סאמעט־איבערגעצויגענער קולאק?

און אפשר דאך! פלעגט נישט מאמע זאגן:
„אז ווער עס שלעפט זיך מיט א קעצל רק,
פארגעסט אלץ געלערנט ער האט״ — —
אטאם־פארמול ר׳וועט פארגעסן! „גוד לאק״

## צום „שווערן פראבלעם״.

„ווער געזאגט אייל ברענען, זאגן עסיק לייכטן״!
מען מוז נאר דעם שם, דעם פארמול דערפאר האבן;
ווי לייכט דעמלט דאס לעבן, ווי ליכטיק די וועלט,
קיין פינסטערע קוילן־שאכט מער, קיין נאפט־גראבן.

די ערד צו צעשטערן, די מענטשן פארניכטן,
אויף דעם דאס וואונדער — דעם אטאם אויפגעבראכן ?
נישט איינער איבער צווייטן צו הערשן איז זיג,
געוויסן איבער וויסן — גרעסטער נצחון !

די גרויסע, די געטלעכע, די גוטע כוחות,
נישט די בייזע, די נבזהדיקע פון שטן,
זיגן זאלן — לוינט דער געראנגל פון לעבן !
אונטערגיין אזא וועלט אויב דאס נישט געראטן.

ווער געזאגט אייל ברענען, זאגן עסיק זאל ברענען״—
ווי וואונדערלעך גרינג דעם פארמול ארויסקריגן;
בלויז דעם נס — הייליקן שם ! — אז מענט איבער מענטש
פאלק איבער פאלק נישט הערשן וועלן און זיגן.

## דער „זעקס־טאגיקער־קריג״ — מנצח !

צוגעפאלן צו דער כותל,
א צעהעשעטער צעוויינטער,
דערטאפט ער זיך ווי א בלינדער,
און פון יעדן שטיין לייענט ער,

ווי פון א בלינדן־שריפט אראפ,
לוחותדיקע געבאטן :
ווי איין פאלק א צווייטן העלפן
און נישט עס אויסצוראטן.

ביי מיין ביקס איך שווער און ביי מיין
געראטעוועטן לעבן,
פאר ליבשאפט צווישן מענטש און מענטש,
גרייט זיין אלץ אוועקגעבן —

בלינד אלצדינג אוועקשענקען,
מיין לעבן, מיין כלי־זיין,
אז מקוים זאל ווערן,
די נבואה פון ישעיהן.



## א קליינע באלאדע

א.

פיר הונדערט פאלטשע נביאים,
אליהו האט אויסגעשאכטן;
בלויז וויאזוי איבערגעלאזט,
דעם ריכטיקן, דעם אויסגעקאכטן ?

דעם שקרן, דער אמתדיקער,
דער ווייסט זיך אזוי צו פארשטעלן,
מיט חניפהלע, קונציקן,
אז גאט אליין טוט ער געפעלן.

ב.

מ׳זאל אנאויפהער רק קעפ האקן,
פאלטשע נביאים נישט אויפהערן — —
גארנישט אויפטון, גארנישט העלפן,
יאך מאך זיי מערן זיך און מערן.

האט ער האק אין גארטל געשטעקט,
אקייגנגיין משיחן גענומען —
יענעם וואס קען מיטן ריח בלויז,
ס׳אמתע אין מענטש אויסגעפונען.

ג.

גייט ער אזי א פארטראכטער,
מיט מחשבה טיף פארנומען,
שוין הונדערטער, טויזנטער יאר — —
ראפטים זעט ער משיחן אנקומען.

כאפט ער האק פון גארטל ארויס,
און לויפט גיך צו זי אים צו געבן — —
צעוויינט זיך משיח : „צי קאן מען
מיט מארד בעסער מאכן דאס לעבן״?

## צווי תשעה־באב לידער

אויף פוסנבענקעלע מאמע געזעסן,
פון טייטש־חומש איכה געלייענט;
ארום קרענצל שכנהטעס פון הויף
אויפגעשלאכצט, אלע וויל, זיך צעוויינט.

װען צו חנה מיט די זיבן קינדער,
װען צו יענער מעשה זי האט דערגרייכט,
ביי מיין הענטל מיך שטיל אנגענומען,
מאמעדיק געקוקט ווי בעקל מיינס בלייכט.

מיט יעדן פון די זיבן קינדערלעך,
מיטגעמאכט אין דער שטיל יעטוועדנס טויט;
ווען ביי יונגסטן שוין זי האט געהאלטן,
מיין פנימל פון שרעק ברענענדיק רויט:

א, זי וועט זיך דאך אראפווארפן איצט,
צעשמעטערט ליגן בלייבן אויף דער ערד — —
ווי שטיל ס׳איז געווארן מיין געוויין,
מאמע אויפגעשמייכלט, זיך צוגעהערט.

2

א ביסל שפעטער, ווען געשפילט אויפן הויף,
מיט חברה־יינגלעך אין מלחמה געצויגן —
פון א שינדל פונם דאך געמאכט די ביקס,
פון א הערינגפאס־רייפן — דעם פייל־בויגן.

וויפל מאל פארוואונדערט איך בין געווארן,
און וויפל מאל טויט געלעגן אויסגעצויגן — —
און ווען דעם שונא מיט מיין פייל כ׳האב געטראפן
מיט פייל? מיין הערצל פון ברוסט איז ארויסגעפלויגן —

חנה מיט די זיבן קינדערלעך אירע,
ווי לעבעדיק געשטאנען מיר פאר די אוגן!
— איז נאך יענע מלחמה נישט געענדיקט,
זי ציט זיך נאך ווי זי האט זיך געצויגן? —

מיין מאמע און דאס גאנצע הייפל אונזערס,
הויך אויפגעגאנגען, דערגאנגען, פארפלויגן — —
כ׳זע איצט ווי מיטן טייטש־חומש זי זיצט
פאר דער כותל — יענעם שמייכל אין די אויגן.

## מאמע־לשון

אז א גילדן רענדל פארקייקלט זיך,
צו האפן מ׳וועט עס אמאל געפינען;
די פארלוירנסטע לבנה אין דער נאכט,
שיינט נאך ארויס פון פינסטערסטן ברונען.



װערט עס אבער גראשנדיק אפגעטוישט?
וואס בלייבט — פארזשאווערט־קופערנער גראשן?
מען שלעפט זיך מיט דער שווערער טארבע ביז
אין בלאטיקער זומפ זון אויסגעלאשן.

וואס איז דען דאס אומשטערבלעכע פון פאלק?
זיין גילדן־געהעמערט טרערן־לשון;
קופערנע גראשנס אבער — שערבעלעך
צו לייגן אויף אויגן אויסגעלאשן.

צו מאמע־לשון ברויכט מען דען צומאל
ליפן צו באוועגן, אדער ריידן?
טיף אין הארץ פון זיך תמיד מיען
עלטער־באבע מיטן עלטער־זיידן.

און זע שוועלבל, מיט געזאנגען איבער
גילדענע זאנגען פון ווינט געדראשן,
אויף בלוי פון הימל הויך אויפגעהאנגען,
גאלד־קערנדלעך דערזעט און „גיט לשון”.

## דעם ניישטעטערס אייניקל

די מענער האבן געהאט זייער רבין,
האבן די ווייבער זיך געשאפן זייערן,
נישט א פארמוחטן — — טישן ער זאל פירן,
מיט פעטע קוגלען און צימעסדיקע מייערן.

זיינען עמך, פראסטע יידן געקומען,
געכאפט שיריים פון די קטורת־קיגלען;
זמירות געזינגען, חסידיש מיטגעשפרינגען,
איבערן טיש געפלאטערט מלאכים פליגלען.

און איז געוועזן א חולה אין שטעטל,
אדער אן אומגליק חלילה זיך געטראפן,
איז מען צום רבין מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
איינצורייסן מיט א יללה געלאפן.

ווי דאס הארץ האט אים ווייגעטון צוהעלפן,
א גוטער ייד מיט אן עצה און א שמייכל;
וויפיל גוטסקייט געלעגן אויף זיין פנים,
צומאל אין זיין אונטערגעגארטלטן בייכל.

מיט איינער זיך צוזאמען גוט אויסגעוויינט,
דער אנגעשריבן א הייליקע קמיעה;
פאר אקראנק קינד א טארבעלע אויפגענייט,
צו טראגן אן אפגעשפראכענע מטבע.

און אז מ׳קאן שוין א מענטש מיט גארנישט העלפן,
אבער א גוטן בליק מען קאן דאך צוווארפן;
זעט מען עוולה פון איינעם צום צווייטן,
מ׳העלפט אויך גיכער מיט א גוט ווארט ווי מיט א שארפן.

ווילט זיך כאטש א „תורה" פון אזא רבין,
לכבוד ראש־השנה האיאר נאכזאגן:
„לשובע ולא לרזון" — זאל זיין א זאט יאר,
קיין כוח נאך רזין דרזין מיך צו יאגן".

א, ווי גוט זיי האבן דערפילט די תורה —
פון פיש־גפילטן־„שיריים" געלעקט די פינגער!
און „מנוחה ושמחה" זיך געזינגען,
ווי מיט א קנאל פון בייטש א שמייסער א זינגער.

## א קוויטל

. . אויב פון איין מעת־לעת זיצן אויף א שטיין,
נעמט ער ווי א מענטשלעך הארץ ווייך ווערן,
ווי ווייך ערשט א וואנט, מאכיק באוואקסן,
פון מענטשלעכע הייס־זידיקע טרערן.

כדי צו ליגן אונטער יעקבס קאפ,
פון אזויפיל שטיינער איינס צו ווערן,
ערשט פון אזויפיל קעפ אויפן כותל — —
און מערן ווי ווען זיי זיך מערן.

מיין קאפ, מיין קאפ, ער קאן שוין נישט מערער!
און מיין הארץ אט־אט און ס׳וועט אויפהערן — —
א, איינס נאך וואלט איך דאך געוואלט, אז
שלום אויף גאנצער וועלט ס׳איז — דערהערן.

צו דעם אפנים מ׳מוז אומשטערבלעך זיין
צו דערלעבן ביז דאס געווערן — — —
א, ג אט, ווי לאנג וועסטו מוזן ווארטן
ביז דעם מענטשנס הארץ ווייכער וועט ווערן?



זי איז דאך נישט די וואנט געבליבן שטיין,
א לעצטן בליק, חלילה, זאלסט צו איר קערן,
א טויט פארביסענער, ענטוישטער,
זיך אויסצודרייען צו איר און — אויפהערן!

יוסף וויינשטיין

## אין דוד המלך׳ס גארטן

בעת חורבן בית ראשון, מיט א 2500 יאר צוריק — דורך נבוכדנצר מלך בבל — זענען טויזנטער אידן פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל, און געבראכט געווארן קיין בבל אלס געפאנגענע.

אויך ביים חורבן פונעם צווייטן בית־המקדש — מיט א 500 יאר שפעטער — דורך טיטוס, דער רוימישער קיסר — זענען טויזנטער אידן אנטלאפן פון ארץ ישראל קיין בבל, וואו א גרויסער אידישער ישוב האט זיך דאן געהאט געפונען.

די פארשידענע קיסרים פון בבל, פלעגן באהאנדלען די גלות-אידן וואס האבן דארט געלעבט — מיט חסד: עס איז זיי געגעבן געווארן די מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען גייסטיק און מאטעריעליש, אפילו זיי דערלויבט צו געניסן פון א געוויסע פרייהייט, מיט אן אייגענעם מנהיג, וועלכער האט געטראגן דעם טיטול: עקזילארק, וואס באדייט דער פירער פון די גלות־אידן — אין עברית: „ריש גלותא" — דער עקזילארק — וואס האט תמיד געשטאמט פון די מלכי בית דוד — איז אין דער פערסישער רעגירונג, געווען דער פארשטייער פון דער אידישער קהילה, און געווען זער געשעצט און באליבט ביי זיינע ברידער.

יארן לאנג האט אין בבל געהערשט א גליקלעכע צייט פאר אידן, וועלכע האבן געלעבט בשלום ובשלוה. דאך זענען שפורן פון אמאליקע אונרוהען קגן אידן נאך ניט אין גאנצן געווען פארשוואונדן אין בבל, און א צייט שפעטער האט זיך פלוצים צעבלאזן א נייער שטורם פון רדיפות, געהעצט פונעם קיסר פון יענער עפאכע, דער אכזר „הורמוז" ימח שמו, וועלכער פלעגט באלעסטיקן די אידישע באפעלקערונג מיט גוואלדיקע שטייערן און ארויסגעגעבן קעגן איר שטרענגע געזעצן. אויך האט דער רוצח דערלויבט זיינע באסיאקעס און כוליגאנעס צו פלינדערן אידישע הייזער און קראמען און צערויבן זייער פארמעגן. און באשטימט האט ער אין גאנצן אפשאפן די מאכט פון עקזילארך. דעם לעצטן עקזילארך, מר חנינא, האט ער געלאזט טויטן און אויסגעהרגעט זיין גאנצע משפחה. דער ברוטאלער קיסר האט באשטימט אויסראטן אלע נאכפאלגער פון דוד המלך׳ס דינאסטיע, וועלכע זענען אן רחמנות אומגעבראכט געווארן. בלויז איין פרוי איז געלונגען זיך ראטעווען פונעם תליינ׳ס בלוטיקע הענט, דאס איז געווען מר חנינא׳ס פרוי, וועמען מ׳האט דערגרייכט אויסבאהאלטן.

און אין איינע פון יענע נעכט האט דער צורר ישראל געהאט א מורא־דיקן טרוים: אים האט זיך געחלומט אז ער געפינט זיך אין זיין קעניגלעכן גארטן, מיט א האק אין האנט, און ברעכט־אויס, מיט א בארבארישער ווילד־קייט, איין בוים נאכן אנדערן . . און אויפהויבנדיק די האק איינצוברעכן דאס לעצטע צווייגל פונעם לעצטן בוים, אזוי האט ער פלוצעם דערזען אנקעגן אים שטעהן אן אלטער מאן מיט א ווייסער בארד, וועלכער האט ארויסגעריסן די האק פון זיין האנט און אים דעמיט דערלאנגט אזא שטארקן קלאפ אין קאפ, אז ער איז אנידערגעפאלן צו דער ערד באגאסן מיט בלוט . . און דערזען ווי דער אלטער דרויעט מיט דער האק אים צו טויטן, האט ער זיך געווארפן צו זיינע פיס, און געבעטן רחמנות, אים ניט צו הרגענען . . — רוצח! — האט דער אלטער מיט כעס אויסגעשריגן — האסטו דען געפילט האבן רחמנות אויף די ביימער וואס דו האסט אומגעבראכט?. . דאך וויל איך דיר דיין לעבן שיינקען — האט דער אלטער ממשיך געווען — אבער מיט א תנאי: אז דו זאלסט דאס איינציק צווייגל וואס איז אויפן לעצטן בוים איבערגעבליבן, אפהיטן ווי דאס שווארץ־אפעל פון אויג . . און זאלסט עס באשיצן ביז ס׳וועט אויפוואקסן!. . האסט מיין הייליק ווארט! — האט דער קיסר ציטערנדיק געשוואוירן . . — כ׳גיב דיר מיין קעניגלעכע שבועה, אז כ׳וועל אויף דעם צווייגל אכטונג געבן ווי אויף מיין אייגן קינד!. . — נאר, כ׳בעט דיר, שענק מיר דאס לעבן.

דערביי האט דער קיסר זיך אויפגעכאפט: זער דערשראקן פון זיין בייזן חלום, האט ער תיכף אויפגערופן זיינע ראטגעבער און די חרטומים פון זיין מלוכה, זיי דערציילט זיין חלום, אבער קיינער פון זיינע יועצים האט דער־גרייכט אים פותר חלום זיין . .

און איינער פון די באדינער פונעם הויף — האט זיך אנגערופן צום קעניג: — דערלויב מיר, מיין קיסר, דיר צו זאגן, אז אין תפיסה געפינט זיך א גרויסע צאל אידן, צווישן זיי, גרויסע געלערטע; זיכער אז איינער פון די ארעסטירטע אידן וועט קענען אויסטייטשן די באדייטונג פון דיין חלום.

ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה, האט דער מאנארך געגעבן א באפעל, און די ארעסטירטע אידן זענען געבראכט געווארן אין פאלאץ. ער האט זיי מיטגעטיילט מכח זיין חלום, און געפרעגט אויב איינער פון זיי, קען אים פותר חלום זיין.

און א גרייז־אלטער איד האט זיך אנגערופן צום קיסר בזה הלשון: — אדוני מלך! — אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך פרווון צו דערקלערן דיין חלום . . די ביימער פונעם אויסגעהאקטן גארטן, שטעלן פאר די נאכ־פאלגער פון דוד המלך׳ס דינאסטיע /אס דו האסט באפוילן אויסצוראטן . . דאס איבערגעבליבן צווייגל פונעם לעצטן בוים, וואס דער אלטער מאן האט דיר ניט דערלאזט צו צעברעכן, דאס איז דער לעצטער יורש פון דוד המלך. און דעם אלטן וועמען האסט געזען, איז געווען אליהו הנביא, ער האט זיך באמיט צו קומען ראטעווען דעם לעצטן נאכפאלגער פון דוד המלך, וועלכער



דארף אין גיכן געבוירן ווערן . . מיין ראט — אדוני מלך — איז אויספאלגן בשלימות די שבועה וואס דו האסט געגעבן דעם אלטן מאן, ווארום דיין לעבן הענגט־אפ אינעם לעבן פונעם נאך ניט געבוירן קינד!. .

דאס אויסטייטשן דעם חלום האט אויפן קיסר געמאכט א גוואלדיקן איינ־דרוק, און ער האט אויסגעשריגן: — וואו געפינט זיך די פרוי וואס טראגט אונטער איר ברוסט דאס קעניגלעכע קינד . .

און איינער פון צווישן די ארעסטירטע אידן האט זיך אנגערופן: — אדוני מלך! — איך קען דיר העלפן אויפזוכן די פרוי: — זי איז מיין טאכטער — די אלמנה פונעם דערהרגטן עקזילארך מר חנינא — זי האט זיך אויס־באהאלטן פונעם קעניג׳ס ביטערע גזירה . .

דער מאנארך האט ענדלעך פארשטאנען אין זיין חלום א רמז פונעם אלמעכטיקן, און אנערקענט זיין אונגערעכטע האנדלונג צו אידן פון זיין קעניגרייך. ער האט באפוילן תיכף באפרייען אלע ארעסטירטע אידן, און צו־ריקגעצויגן זיינע שטרענגע געזעצן קעגן זיי. ער האט געשיקט נאך מר חנינא׳ס אלמנה, און איר פארזיכערט זי באשיצן און פארזארגן.

מר חנינא׳ס פרוי האט מיט מזל געבוירן א זון, וועמען דער קיסר האט געגעבן דעם נאמען: „בוסתנאי״ — אויף פערסיש: א גארטן . . — דער יונ־גער בוסתנאי איז אויפגעצויגן געווארן, אלס פרינץ, אין קעניגלעכן הויף, און באקומען א נאבעלע אויסבילדונג, און צו דער באשטימטער צייט איז ער, אלס יורש פון דוד המלך׳ס דינאסטיע, געווארן אוועקגעשטעלט אויף זיין פאטער׳ס פלאץ, אלס עקזילארך — ריש גלותא — וועמען דער קיסר האט צוגעטיילט גרויס כבוד און אנערקענונג, אלס דער אויסדערוויילטער מנהיג פון די אידן אין פערסיע, וועלכע האבן צוריק אנגעפאנגען צו געניסן פרייהייט, און לעבן בשלום ובשלוה: רואיק און צופרידן!

ד ר.  מ א י ר  ג ע ר ט נ ע ר

## לכבוד ביאליקס הונדעטסטן געבוירניאר
## פון משה רבינו ביז טהעאדאר הערצל

ביאליקס פיר לידער, פרעזענטירט דא אין יידיש, באזינגען פיר מאטיוון פון יידישן קיום: משה רבינוס סיני לוחות; בר־כיכבאס נקמה־קאמף; קארל מארקס סאציאל־אסימילאציע; טהעאדאר הערצלס ציון־געדאנק.

די סיני־לוחות זיינען דער קוואל פון יידישער קולטור. די פעלקער וועלכע האבן פון דעם קוואל געטרונקען האבן געפרווט אפזעצן משהן פון זיין כסא־כבוד. אדום און קריסטליכן אייראפע און ישמעאל אין מאסלעמישער אזיע ראנגלען זיך כסדר מיט משהן, „מיט העק און מיט שארפע שפיזן״, כדי אים און דעם יידישן פאלק דאס פלאץ „אויף ג׳אטס שפיצבארג״ אוועקצונעמען. אבער, זאגט דער דיכטער: „צו רויבן פון אים די לוחות האבן זיי ניט קיין מאכט״. דער קוואל פון יידישער סיני־קולטור קאן נישט באזיגט ווערן דורך יענע וועלכע האבן פון אים געשעפט. משה רבינו בלייבט אומבאזיגט אויפן

שפיצבארג — על ראש הראל.

נקמה־קאמפ איז א חלק פון יידישן קיום און א מאטיוו אין יידישע תפילות. פסח אין דער הגדה, און פורים אין דער מגילה, חנוכה אין מעוז־צור און תשעה־באב אין די קינות בעטן יידן צו גאט ער זאל „אויסגיסן זיין צארן" אויף זייערע שונאים. נקמה־רציחות, זאגט ביאליק, זענען מעשי־אכזריות פון ווילדע חיות. אבער שולדיק זענען די רצחנישע אטאקעס פון די שונאי־ישראל. זיי האבן דאס יידישע פאלק געצוואונגען צו פירן א נוקם־ונוטר־דיקן קאמפ. פרעה און המן, פעטליורא און היטלער זיי זענען די שולדיקע — **אין זאת כי רבת צררתונו.**

ווען סאציאליסטישע בונדיסטן און באלשעוויסטישע יעווסעקן האבן געטענהט אז יידיש־ציון איז אויס און די וועלט־רעוואלוציע איז דער עיקר; אז יידן מוזן גרייט זיין זיך מקריב צו זיין אויפן מזבח פון די וועלט־פעלקער, און מיט מארקסיסטישער התלהבות ווערן איינס מיט זיי — איז ביאליק אויפגעשטאנען און האט אויסגערופן: „איר בויעט פיתום מיט רעמסס" פאר „די וועלכע אייך פארשטויסן", און „די שיינקייט פון אייער — אייגענער — היים וועט פארשווינדן". איר זענט מקריב אייערע נשמות; איר פארלירט אייערע זין; איר פארלאזט אייער ירושה־קולטור. אייער וועג איז נישט דער יידישער וועג. דער גוישער וועלט־רעוואלוציע־וועג פירט צום חורבן פון אסימילאציע. דער יידישער ציון־רעוואלוציע־עוועג פירט צו תחיה פון נאציאנאלן אויפבוי. אנשטאט פיתום און רעמסס לאמיר אויפבויען ציון און ירושלים — אזוי האט געזאגט חיים־נחמן ביאליק און זיין פאעמע **אכן גם זה מוסר.**

טעהאדאר הערצל איז געווען דער דערוועקער פון נאציאנאלן ציון־געדאנק. אבער יידן ווי אחד־העם און ביאליק האבן זיך נישט געוואלט באגניגן מיט הערצלס פאליטישן ציון. זיי האבן געפאדערט מער. זיי האבן געוואלט דערהאלטן דעם טויזנטיעריקן מקדש פון יידישער קולטור; זיי האבן געוואלט דערהאלטן דעם דורות־אלטן נר־תמיד פון ישראלדיקער טראדיציע. און ביאליק אין זיין ליד טענהט: ציון אן ציון־אידעאל איז ווי א הויז מיט א פסולער מזוזה; ווי א פארוויסטער מקדש; ווי א פארלאשן נר־תמיד. מאטעריעלער קיום אן גייסטיקער קולטור איז 'א חורבה פון הארץ — **על לבבכם ששמם.**

די ערשטע דריי מאטיוון בארירן אונז יידן. דער לעצטער מאטיוו קאן געזאגט ווערן פאר דער גאנצער וועלט: קיין מאטעריעלער קיום אן גייסטיקן תוכן.

ח. נ. ביאליק

## על ראש הראל — אויף גאטס שפיצבארג

אויף גאטס שפיצבארג, די ארעמס אפן, הויכאויפצושטרעקן,
זייט גאר א לאנגער צייט א מאן שטייט, שטיל און אלט.
זיין רעכטע האלט די לוחות, און די לינקע מ'שטעקן,
די וואלקנס זיין גארטל, און ליכט שטראלט אויס פון זיין געשטאלט.



און אים צופיסנס ליגן צוויי געוואלטיק גרויסע ריזן,
באקעמפן אים זייער מעכטיק, פירן מיט אים א שלאכט;
זיי שטארקן זיך הויך צו שטייגן מיט העק און שארפע שפיזן —
צו רויבן פון אים די לוחות האבן זיי ניט קיין מאכט!

ווי מארגנשטערנס אויגעפל פונקלען זיינע אויגן מיט פונקען,
און מיט ענווה בליקט ער נידער, זיי צו זען —
די קני פון די גיבורים געבויגן, שוין גאנץ געזונקען —
שווייגן קייגן דיין גרויסקייט! קיינער נאך ווי ער געווען!

## אכן, גם זה מוסר . . — פארוואר, דאס איז אויך א מוסר

פארוואר, דאס איז אויך א מוסר פון גאט און גרויסע באשטראפונג —
דאס איר פארלייקנט אייער אייגענע הערצער;
איר זייעט אויף אלע וואסערן אייערע הייליקע טרערן
און סיליעט זיי אויף יעדן פאלשן ליכטשטראל;
איר גיסט אייער גייסט אויס אויף אלע פרעמדע מערמלשטיינער,
און אין שויס פון פרעמדן שטיין פארזינקט איר די נשמה;
ווען ס'בלוט פונעם פלייש אייערן רינט צווישן די ציין פון די וועלכע
פרעסן אייך —
גיט איר זיי נאך אויך אייער נשמה צום עסן.
אלע די וועלכע אייך פארשטויסן, פאר זיי בויעט איר פיתום מיט רעמסס,
און אייערע קינדער דינען אייך ווי ציגל;
ווען זייערע נשמות צו אייך שרייען פון צווישן די שטיינער און העלצער
שטארבט דער שריי ביים טויער פון אייערע אויערן.
ווען איינער פון אייערע זין ווערט גרויס און אים וואקסן די פליגלען —
פארשיקט איר אים פון זיין נעסט אויף אייביק;
און אויך ווען ער אויפשטייגט דורשטיק נאך דער זון, און מעכטיק
אויך אויבן דארט —
ניט פאר אייך וועט ער דאס ליכט אראפנידערן;
ווען ער שפאלט א וואלקן מיט די פליגלען און עקבערט א שטעג צום
ליכטשטראל —
ניט אויף אייך פאלט אראפ דער ליכטשטראל;
אוועק פון אייך ווייט, אויף זייער הויכע פעלזן וועט ער שרייען,
און זיין ווידערקול וועט אייך ניט דערגרייכן.
אזוי וועט איר אייערע טייערסטע איינעם נאכן אנדערן פארלירן,
און וועט בלייבן גאנץ אליין און פארלאזן.
די שיינקייט פון אייער היים וועט פארשווינדן, אייער צעלט ווערן
פארארעמט,

און ווערן א פחד און אן אומעט;
אזוי אז אויף זיין שוועל וועט ג-אטס געגנאד ניט טרעטן,
און גליקליכע פרייד ניט אנקלאפן זיין פענסטער.
איר וועט אין דער חורבה קומען תפילה טון, און ניט קענען,
וועט ווינשן א טרער פון טרייסט, און ניט האבן;
דאס הארץ פארשרומפט ווי א הענגל פון אויסגעקוועטשטע טרויבן
אין קעלטער אוועקגעווארפן,
אפילו איין טראפ ניט דערפון אויסצופרעסן, דאס הארץ צו דערקוויקן,
די לעכצנדע נשמה צו דערפרישן.
דער חורבהס איוון וועט איר אנרירן, און קאלט וועלן זיין זיינע שטיינער,
א קאץ אינעם קאלטן אש דארט וועט יאמערן.
ווי אבלים טרויריק וועט איר זיצן, אינדרויסן פינסטערניש און זאווערכע,
און אין הארץ הויל אש און פארעך.
און אייערע אויגן וועלן דעמאלט די פליגלען פון טויט זען אויפן פענסטער,
און די שפינען אין אלע פארלאזענע ווינקלעך;
דער דלות וועט אייך קלאגן אין דעם פאררייכערטן קוימען,
און די ווענט פון דער חורבה וועלן פאר קעלט ציטערן.

## על לבבכם ששמם — אין אייער חרב הארץ

אין חורבה פון הארץ איז אייך פסול די מזוזה,
דרום שרייען דארט שדים, זיי הוליען און שפרינגען,
און לצים־לײדאקעס מיט גרויסער העזה
גאר פריילעך מיט רעש און געפילדער דרין זינגען.

צו זעט איר ווער דארט מיט א בעזעם טוט לויערן?
דער שמש איז דאס פון פארוויסטע מקדשים —
דער יאוש! ערווארט דארט באהאלטן הינטער טויערן,
ער קומט דאס פארטרייבן די פארשייטע עכבורשים.

דער בלאס־בלייכער פונק, אייער לעצטער, וועט אויסגיין,
פארשטומט זיין דער מקדש, פארלאשן דער נר־תמיד;
אין הויפן פון מזבח־הארץ וועט אייך דאן אויפשטיין
און וואייען און געניצן דער קאטער פון אומעט.

## אין זאת, כי . . — ווייל איר ווי רוצחים

ווייל איר ווי רוצחים אונז באהאנדלט,
האט איר אין חיות אונז פארוואנדלט,
אזוי אז הייס מיט צארן און רצחנות
מיר ס׳בלוט אייערס טרינקען אן רחמנות;
דאס פאלק דערוואכט און שרייט מלחמה,
ס׳רופט אויס: נקמה!



מיט פייַן פון טויט, גיהנומס פלאמען,
וואס אונז איר תמיד פלעגט באשערן,
האט איר די חיה, ווילד אן צאמען,
מיט אונזער בלוט געטאן הערנערן.
אין שטייג פארשפארט, אין שטיל פארשטומען,
היצט בלוט און אוממאכט איר נשמה,
פון גרויסער פייַן זי טוט איצט ברומען,
און ווי אייך, ווען זי ברילט נקמה!

מיט וועגן איר, און מיט שנעלע רייטער,
מיט פערד און עלעפאנטן צוזאמען,
גאר ווייניק מיר, ניט האפנדיק ווייטער —
נאר מיר, מיר פון מכבים שטאמען.
עס צערנט ביי אונז דאס פאלק מיט קנאה,
צום קאמף זיי פירט א גרויסע שנאה!
פאר אונז האט צארן געשארפט דאס מעסער,
צו גרייטן צום טאג פון טויט אייעך בסער.

דער כוס איז פול! דער וארעם יענער,
וואס איר האט דערקלערט איר האט אנטוואפנט,
איז גאר געשטארקט מיט צארן פון מענער,
געגורט, מיט הילף פון ג-אט באוואפנט.

יידיש — מאיר גרטנער

י. חי קלינגער

## שלום אש — דער דיכטער פון קאצקער חסידות . .

רעפעראט צו דער זעכצנטער יארצייט פון באזינגער פון פוילישן יידנטום

אמר ר׳ אברהם נחום שטענצל צו מיר: „קומענדיקן שבת נאכמיטאג וועלן מיר אפמערקן די 16טע יארצייט פון שלום אש. קומט און נעמט אנטייל און רעדן וועגן אשן.” האב איך צוגעזאגט און בין געקומען. אט וואס איך וועל איצט זאגן וועגן איינעם פון די גרעסטע יידישע דיכטער, וואס דאס פוילישע יידנטום האט פון זיך באשאפן אינעם פארלויף פון די לעצטע דריי דורות יידיש לעבן אויף דער פוילישער ערד און וואס זיין נאמען איז געווארן א שם־דבר בארבע פינות העולם און מחוץ די גרענעצן פון זיין אייגן פאלק, ווייל ער האט נאכנישט אויפגעהערט צו באגייסטערן און באַ־איינפלוסן די אידעלע מוחות און מורי־דרך אין דער נישט־יידישער מחנה; מיט איין קורצער באמערקונג — **ער איז געווארן אוניווערסאל**, ווען

אפילו מען האט אים ביים לעבן נישט צוגעטיילט דעם **נאבל-פרייז פאר ליטעראטור**, הגם ער האט עס ערלעך פארדינט. **שלום אש** האט געשריבן פאר דער וועלט אויף **יידיש**, נאר זיינע כתבים זענען איבערגעזעצט געווארן אין גאר אן אנזעעוודיקער צאל אייראפעאישע לשונות און אויך אין עברית. מיט וואס האט זיך אייגנטלעך אש פארדינט דעם כבוד צו זיין איבערגעזעצט אויף עברית? — איז דער ענטפער: ערשטנס, ווייל ער האט צואלעם ערשט אנגעהויבן זיין שרייבערישע שליחות אין עברית און אין זיינע ראמאנען און דראמעס, אין דער פובליציסטיק און אינעם רעפארטאזש געווידמעט א חשוב ארט דער אידייע פון **אלטניילאנד**. ער האט אנגעהויבן שרייבן, ווי דער רוב פון זיין דור שרייבערס, אויף העברעאיש און זיינע שאפונגען האבן זיך צוערשט באוויזן אין פרישמאנס „**הדור**“, אין „**הצפירה**“, „**הצופה**“ און אינעם בארימטן חודשניק „**השילוח**“. די דערציילונגען וואס ער האט פארעפנטלעכט אין יענע יארן אין די אויסגערעכנט העברעאישע צייטונגען און זשורנאלן, זענען דערשינען אין בוך־פארם אינעם יאר 1906, אינעם פארלאג „**תושיה**“. בלייבט נאך דא צוצוגעבן, אז ביים היינטיקן טאג לערנען און לייענען יידישע קינדערלעך אין די שולן אין ישראל דערציילונגען פון שלום אש, וואס אין זייערע כרעסטאמאטיעס. אן ענדערונג אין זיין, אשס, שאפן איז געקומען ערב דער **טשערנאוויצער יידיש-קאנפערענץ**, און פון דער קאנפערענץ־אן, 1908, האט ער נישט מער געשריבן עברית נאר ר׳איז געווארן כולו **יידיש**. דאס האט אויף אים שוין געווירקט דער זכות זיינער פון באהעפטן זיך מיט י. ל. פרצן, וועלכער צוזאם מיט אשן האט געשאפן דעם **נעא-ראמאנטיזם** אין אונזער מאדערנער ליטעראטור, אזוי ארום האבן זיי, פרץ און אש, אויפגעעפנט די קוואלן פון שאנקייט און קדושה, וואס האבן אין אזא רחבות ארויסגעשטראמט פון לעבן, פון יידישן לעבן און לעבנסשטייגער אין די הונדערטער יידישע שטעטלעך, אין זייערע יידישע הימען, דאס וואס די העברעאישע השכלה־בעלעטריסטיקע האט נישט באוויזן צו דערזען און אפשאצן.

**שלום אש** איז, ווי מיר אלע ווייסן, געבוירן געווארן אין קוטנע, א קליין שטעטל צווישן אסך אנדערע שטעטלעך ארום ווארשע, דער פוילישער הויפטשטאט.

ביזן אלט־ווערן 16 יאר האט ער געלערנט אין „**חדר**“ און אין בית־מדרש. דערווייל איז ער מיטגעריסן געווארן מיטן שטראם, בעסער געזאגט „געכאפט־געווארן אינעם שטראם פון דער השכלה“, און אלט־ווערנדיק 18 יאר האט ער פארלאזט זיין געבוירנ־ארט און איז אנגעקומען קיין **וולאצלאוועק** 1898, ווו ער איז געווארן א לערער פאר העברעיש. פון יענער צייט האט ער אנגעהויבן זיינע שרייבערישע טריט און טאקע, ווי איך האב שוין דא פריער דערמאנט, אויף העברעיש, האט ער זיך אריבערגעכאפט קיין ווארשע און איז אריינגעפאלן אין די הענט פון י. ל. פרץ, נאמבערג און אברהם רייזין, וועלכע האבן באלד דערזען אז ער פארמאגט גרויסע ליטערארישע פאטענץ, נאר



געהייסן אים זיך אריענטירן אין שרייבן אויף יידיש. ער האט זיך דאן באזעצט אין ווארשע, יאר 1900, און אנגעהויבן פארעפנטלעכן זיינע שאפונגען אין ביידע שפראכן, עברית און יידיש. ראשית־כל האט זיך אש באוויזן ווי א גרויסער דראמאטורג אויף דער יידישער גאס און זיינע דראמען זענען אויפגעפירט געווארן אין פארשיידענע טעאטערס אין אייראפע. למשל, די דראמע זיינע „**משיחס צייטן**“ איז אויפגעפירט געווארן אין פעטערבורג, אין קאמיסארזשעווסקא־טעאטער אויף רוסיש; ”**גאט פון נקמה**“ איז אויפגעפירט געווארן אין רוסלאנד, דייטשלאנד און פראנקרייך. איך בין נאך אלץ נישט זיכער צי י. ל. פרצעס ארויסטריט קעגן „**גאט פון נקמה**“ איז נישט אמאל געווען א קנאת־סופרים אויסגעשריי מער ווי עפעס אנדערש . .

אין יאר 1908, האט אש צום ערשטן מאל באזוכט ארץ־ישראל. דאס יאר איז א וויכטיקע דאטע, ווייל דעמאלט איז דאך געלייגט געווארן דער יסוד פאר דער ערשטער הונדערט־פראצענטיקער יידישער שטאט אין דער וועלט — **תל-אביב**. פון ארץ־ישראל האט אש פארעפנטלעכט אין דער יידישער פרעסע זיינע איינדרוקן און שילדערונגען פונעם יידישן לעבן דארט, וואס זענען באלד אויך דערשינען אין א בוך אנ. „**אין ארץ ישראל**“. ווען ס׳האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האט זיך אש באזעצט אין אמעריקע וואס איז געווארן זיין שטענדיק וווינ־ארט, אבער ער האט נישט אויפגעהערט צו בארייזן אייראפע, גאר אסך מאל האט ער פארבראכט אין פוילן און קומענדיק ווידעראמאל קיין ארץ ישראל, דעמאלט שוין „פאלעסטינע“ אונטערן מאנדאט, האט ער אנגעשריבן זיין ראמאן „**דאס געזאנג פון טאל**“ (**שירת העמק**). זיין ליטעראריש פרוכטבארקייט האט זיך געמערט גענומען שטייגן, צוזאמען דערמיט אויך זיין נאמען, וואס איז געווארן א שם־דבר צווישן אלע קולטור־פעלקער איבער דער וועלט. נישט אומזיסט האט אזא ליטערארישער ריז ווי דער גרויסער פוילישער נעא־קלאסיקער **סטעפאן זשעראמסקי** ארויסגעוויזן אזויפיל פריינטשאפט צו דעם יידישן שרייבער שלום אש. לאמיר אבער דא באלד דערמאנען, אז איינער פון זיינע לעצטע ראמאנען „**דער מאן פון נצרת**“, ווו ער שילדערט דאס לעבן פון די ערשטע קריסטן אין ארץ ישראל האט ארויסגערופן א גרויסן שטורעם און גאר שארפע וויכוחים אויף דער יידישער גאס, צווישן אלע יידישע שיכטן, און אים פארשאפט גאר א גרויסע צאל קעגנערס, און זייער גרויס עגמת־נפש. וואלט דאס געווען דערשינען אין א רואיקער תקופה, נישט אין דער היטלער־תקופה וואלטן אפשר די געמיטער געווען אנדערע און מען וואלט זיך אפשר געווען באצויגן צו זיין ווערק ווי צום ווערק פון דעם העברעישן היסטאריקער ד״ר יוסף קלויזנער. אבער דאס איז נאר מיינע אן השערה און נישט מער.

## דעקאדענץ און דאס יידישע שטעטל אין פוילן:

פאראן אזא אויסדרוק אין דער פראנצויזישער ליטעראטור, וואס איז חל אויף דער גאנצער אייראפעישער ליטעראטור, און דאס איז „פען די סיעקל“. וואס איז דער טייטש: סוף פון יארהונדערט. האנדלען האנדלט זיך טאקע

וועגן סוף 19טן יארהונדערט אין דער פראנצויזישער ליטעראטור. נאר ווען מיר זיך בעסער האלטן ביי אונזער טעמע און אונזער ליטעראטור. פאר אונז יידן איז דער 19טער יארהונדערט א יארהונדערט וואס האט דערפירט צו א גרויסער פארגליווערונג אינעם אויסקריסטאליזירטן יידישן לעבן זינט לאנגע דורות. דער קולטורעלער פראגרעס, די השכלה־ווינטן האבן איבערגעהיפט איבערן פויליש־יידישן שטעטל, ווייל די **חסידות**, דער חסידיזם האט עס געשיצט; די דאזיקע צעפאלונג פון דער יידישער חברה, פון יידישן לעבן, וואס אונזערע דערציילערס (א. מ. דיק און מענדעלע מו״ס) האבן דערזען אין דער ליטע, ווייס־רוסלאנד און אוקראינע, האט שלום אש נישט געקענט זען אין די יידישע שטעטלעך אין פוילן. פאר אים, פאר אשן, איז נאך געווען א גאנצע, איינהייטלעכע שטעטלדיקע יידישקייט א געאייניקטע און הארמאנישע און אן אידילישע, און צו ניצן טאקע אשעס א באליבטן אויסדרוק, א באגרונטפעסטיקטע אויף היסטארישע און רעליגיעז־נאציאנאלע יסודות.

עס איז א ליטערארישער חוק ולא יעבור, אז אין צייטן פון דעקאדענץ ווערן געשאפן גרויסע, טיילמאל נביאישע, ווערק, דורך גרויסע ווארט־קינסטלערס און שילדערערס פון דער תקופה; זיי באווייזן זיך ווי מעטעארן און פארייביקן אין זייערע שאפונגען א וויכטיקע תקופה וואס בלייבט לדורות לעבן אין דער ליטעראטור. איז טאקע פון איין זייט **מענדעלע מוכר־ספרים** געקומען און אונז געגעבן דאס ליטוויש־מתנגדישע יידנטום אין זיין גרויסקייט און אין זיין צעפאל־דעקאדענץ. צוויי דורות שפעטער איז געקומען אש און אונז דערלאנגט דאס פויליש־חסידישע יידנטום, רייך און גרויסקינסטלעריש געשילדערט אויף א ברייטער קאנווע, מיט טיפע, דערהויבענע און נשמה־צארטע לירישע טענער, וואס האבן זיך ארויסגעהויבן פון גאטס עדה וואס האט אים געדינט געטריי און פול מיט ביטחון אינעם פויליש־יידישן שטעטל. זיינע העלדן: **דער מרא דאתרא** (ר׳ דוידל!); דער בעל מסור, גוטער פאטער, גרויסער מכניס־אורח, דער איש־החסד **ר׳ יחזקאל גאמבינער** און אין דעם ווייטערן המשך פון זיין שטעטל דערלאנגט ער אונז אזא געשטאלט ווי **„ר׳ שלמה נגיד“**. מיט ראמאנטיש־רעליגיעזן ציטער שילדערט אונז אש דאס יידישע שטעטל, געבויט אויף רעאליסטישע, ראמאנטישע און מיסטישע יסודות, וואס אינאיינעם שטעלט עס מיט זיך פיער א זעלטענע גרויסע פאעמע פול מיט עלעגישע טענער וואס באזינגט, באוויינט און באדויערט די אלטע איינגעפונדעוועטע יידישקייט מיט איר שאנקייט וואס איז כמעט פארשניטן און פארשוווּנדן געווארן. געבליבן זענען די לירישע טענער פון דעם מייסטער פון יידישן ראמאן — שלום אש.

## „מאטקע גנב“:

איידער איך וועל זיך אפשטעלן אויף אנדערע ווערק פון גרויסן מיינסטער אין דער יידישער ליטעראטור, וועל איך צוערשט, הגם נישט כראנאלאגיש, זאגן א ווארט וועגן דעם ראמאן **„מאטקע גנב“**. דא לאמיר זיך צורירן צו די ווערק פון איינעם פון פראנקרייכס גרויסן הומאניסט און גרויסן



דיכטער, וואס עס איז געווען און געבליבן לדורות — **עמיל זאלא**, און צו דערמאנען אינעם פון דער סעריע ראמאנען זיינע אג. **„נאנא“**. איך דערמאן דאס דערפאר ווייל זאלא האט דערמיט גאר אסך געוואגט; ער האט זיך צוגערירט צום אפגרונט פון מענטשלעכער געפאלנקייט און ארויסגעבראכט א לעבן וועגן וועלכן אנדערע ביז זאלא האבן דאס נישט געוואגט צו טאן. און געשילדערט האט זאלא דאס דאזיקע לעבן פון א געפאלענער מענטשהייט, אפשר דאס טאקע אנרופן מיטן ווארט **פערווערזע־אונטערוועלטישקייט**, און געשילדערט דאס אלץ אן א שלייער, רעאליסטיש, נאטוראליסטיש־נאקעט סיי אין פארם, סיי אין שפראך. זאלא איז אוועק פון דער וועלט אין יאר 1902. מיט יארן שפעטער איז געקומען שלום אש און זיך צוגערירט צו אן ענלעכער טעמאטיק, וואס אויף דער יידישער גאס און אונז געגעבן א זעלטענעם ראמאן **„מאטקא גנב“**. לאזט זיך דא פירן א פאראלעל גאר בקיצור:

דער פארגלייך בעט זיך אליין, ווייל זאלא איז דער ערשטער געווען צו נעמען א האמעטנעם שטיק לעבן מיט דער גאנצער געמיינהייט און קלעפיקן שמוץ און מאכן דערפון א ליטעראריש קונסטווערק. נאר איז אבער פאראן אויך א גרויסער חילוק צווישן דעם פראנצויזישן פורץ־גדר און דעם יידישן. שלום אש איז רייכער פאר זאלא. זאלא איז געווען א ראמאנטיקער פון אזוי צו זאגן „וויסנשאפט“ און „יושר“ אין זיין סאציאלן ראמאן, און **אש** איז א ראמאנטיקער פון כוח און שאנקייט. זאלא איז דערפאר א פשוטער רעאליסט געווארן, זיין קונסט האט זיך איבערן זומפ נישט דערהויבן, און אש איז דורכגעדרונגען מיט ראמאנטיק. זיינע העלדן רייסן זיך אוועקצופליען פון דער אומרייניקער סביבה; די אנגעשפאנטע טראגעדיע פונעם גשמיותדיקן לעבן זוכט אשעס העלד פון זיך ארויסצווארפן, און ער קלעטערט פיבערהאפט צו די הימלען און צעבלוטיקט זיך דאס לייב. באקומט דורך דעם **„מאטקע גנב“** אן אוניווערסאלן סימבאלישן באטייט. דא האט אש געשילדערט די ביאגראפיע פון איין פארברעכער, און ארויסגעקומען איז א שטארקע טראגעדיע פון אוניווערסאלן און סאציאלן באטייט.

## איצט א ווארט וועגן די בעסטע היסטארישע שאפונגען פון שלום אש:

פון דער גרויסער און אינהאלטרייכער צאל פון זיינע היסטארישע ראמאנען ווי **„אמנון ותמר“**, **„שבתי צבי“**, **„מערי“**, די טרילאגיע **„ווארשע — פעטערבורג — מאסקווע“** און אזוי פיל אנדערע, וועל איך זיך דא אפשטעלן אויף דריי פון די וואס איך האלט די וויכטיקסטע און צום מיינסט קינסטלערישע אין פארם און אינהאלט פון זיינע שאפונגען. דאס זענען: **„קידוש השם“**, **„די כישופמאכערן פון קאסטיליע“** און **„דער תהילים ייד“**.

נאך דעם ווי אש האט זיך אפגעפארטיקט מיטן **„שטעטל“** און **„ר׳ שלמה נגיד“**, וואס דארף מיט זיך בילדן די סינטעזע צווישן גלויבן און לעבן, וואס נעמט ארום א שטח פון נאר עטלעכע הונדערט יאר, האט ער זיך

ערשט געפֿונען דערגרונטעוועץ צום מקור פֿון לעבן פֿון זיין פֿאלק און דערגיין צו די טיפֿעניש פֿון זיין פֿילאסאפֿישן מהות, צו זיינע ערשטע היסטארישע כוחות. דאס דאזיקע האט אים געגעבן דעם שטויס אנצושרייבן אט די דריי זעלטענע נעא־ראמאנטישע יצירות.

אין **„קידוש השם"** ברענגט אש ארויס דריי מקורות וואס באשטימען דעם אייביקן קיום פֿון יידישן פֿאלק: 1.— דער וואונדערלעכער אויפֿבוי כוח, וואס ער האט דערזען ביים געפּלאגטן און געיאגטן פֿאלק אונדזערן אויף די אוקראינישע סטעפּעס אין 16טן און 17טן יארהונדערט פֿון דער היינטיקער צייט־רעכענונג;

און 2.— דער נוסח־חיים, דער נוסח פֿון אופֿן לעבן מיט זיין נאציאנאל־היסטארישן אינהאלט און פֿארם; א נוסח־חיים וואס שפּייזט זיך פֿון דער אלטער־יידישער קולטור, איז מנצח אלע וויטקייטן און פֿאראייניקט די פּזורי־ישראל וווּ זיי זאלן זיך נישט געפֿינען;

און 3.— **די יידישע מאטיראלאגיע** לויט ווי זי האט זיך אנטפּלעקט אין די יארן **ת"ח** ות"ט חורבן יארן, יידישע וואס איז נאר צו פֿארגלייכן מיטן לעצטן היטלער־קאטאקליזם אויף אונזער פֿאלק.

## די כישופֿמאכערן פֿון קאסטיליע

דאס איז א נאך שטארקערע פֿארטיפֿונג פֿון זין און באטייט פֿון אונזער יידישער מאטיראלאגיע, וואס איז געווארן א שטארקע און אייביקע טראגעדיע, ווייל איר יסוד איז דער צונויפֿשטויס פֿון קעגנזעצלעכע היסטארישע כוחות, **דער אייביקער קריג וואס צווישן ירושלים און רום.** און לויט אשעס דעה, איז דאס נישט קיין קריג צווישן **יהדות** און **נצרות**, נאר צווישן יהדות און דער קולטורווירטער געצנדינעריי פֿון דער קאטוילישער קירך. און כדי ארויסצוברענגען אין זיין קינסטלערישן לבוש די דאזיקע מלחמה האט אש נישט געקענט געפֿינען קיין בעסערע, קיין פּאסנדיקערע קאנווע ווי דאס רום פֿון 16טן יארהונדערט. און לויט אשן קומט אויס אז דאס מקבל־זיין די לערע פֿון ניצרת דורך די פֿעלקער, איז געווען א פֿאטאלער טעות, וואס האט זיך געפּוקמט סיי אין די קריסטן און סיי אין די יידן און פֿארזונקן גאנץ אייראפּע אין א ים פֿון פֿינצטערן מיטלאלטער. דא זעען מיר אשעס ענטפֿער אויף דעם ווערק פֿון פּוילישן קלאסיקער סיענקיעוויטש, אויף זיין **„קוואוואדיס"**, וועלכער וויזט אונז אן אז אויב ביי שענקיעוויטשן איז דער קרבן נעראנס **דער גלויביקער אין דער לערע פֿון מאן פֿון ניצרת**, איז דא אינעם רום פֿון 16טן י"ה דער קרבן די קינדער פֿון **עם־עולם**, פֿון יידישן פֿאלק. און דא שילדערט אונז אש א טראגישע פֿאוסט־געשטאלט **די טראגעדיע פֿון דעמאלטיקן פּויפּסט פּאאולוס דער פֿערטער**, וועלכן ער כאראקטעריזירט אזוי בולט ווי דער גילגול פֿון א קאליגולא, נעראן און זייערס גלייכן.

**וסוף מעשה במחשבה תחילה** — וועלן מיר פֿערענדיקן מיט דעם וואס כ'האב באלד ביים אנהייב אוועקגעשטעלט ווי דאס קעפּל צו מיין היינטיקן



TOWER HAMLETS LIBRARIES

שמועס, מיטן דריטן קרוינווערק אשעס, **„דער תהילים ייד"**:

דאס איז איינע פֿון זיינע בעסטע נעאראמאנטישע שאפֿונגען. דער אינהאלט איז גענומען געווארן פֿון די געבענטשטע מקורות פֿון יידישן שטעטל אין פּוילן, און איר הויפּט־העלד איז **ר' יחיאל דער תהילים־ייד**, וואס שטייגט אריבער אלע אשעס **שטעטלשע** העלדן; און פֿון מאראליש־עטישן קוק־ווינקל איז ער הימלען־העכער פֿון אשעס באליבטן **ר' שלמה נגיד.** אויב ר' שלמה נגיד איז דער שיינער־ייד, דער גרויסער בעל־ביטחון און זאגט תהילים איז דאס אבער ווייל ר' איז פֿארנומען נאר מיט זיך, פֿארטועען אין זיין אייגענער וועלט, זארגט צומיינסטן פֿאר זיך, בעת אבער ר' יחיאל זאגט תהילים נישט פֿאר זיך נאר פֿאר אנדערע און מיט אנדערע, ער איז מתפּלל פֿאר דער גארער וועלט . . דאס געשטאלט יחיאלס איז פֿארמירט פֿון היכע באגערן און גאר דערהויבענע, גאר שטארקע רעליגיעז־עטישע באגריפֿן און צילן. **ר' יחיאל איז די פֿארקערפּערונג פֿון דער מענטשלעך־עטישער שלימות! דער תפֿארת פֿון פֿאלקישער חסידות; ער איז דעראיבערמענטש פֿון גאטס פֿאלק וואס וויאנעט און צעפֿאלט אין דער פֿארפֿרעמדונג . .**

דער דאזיקער ראמאן וואס האט זיך אנגעהויבן דרוקן אין יאר 1933 איז געווען אן ענטפֿער אויף היטלערס ימח־שמו **„מיין קאמף"** אין וועלכן דער ארכי־מערדער פֿון א דריטל פֿון אונזער פֿאלק, האט זיך מיט דעם שוויגענדיקן צושטימען פֿון פֿעלקער ארום אונז פֿארמאסטן אונז אוועקצושטעלן אין דעם מיאוסטן ליכט פֿון זיינט טאציטוס אן, כדי צו בארעכטיקן דאס וואס ער האט געטאן צו אונז האבנדיק דערצו די שטילע הסכמה און ברכה פֿון דער קאטוילישער היערארכיע . . גראד דעמאלט איז געקומען שלום אש מיט זיין גרויסן ראמאן **„דער תהילים ייד"** און ארויסגעהויבן פֿאר דער רשעות־דיקער וועלט דאס שיינקייט און הערלעכקייט פֿון יהדות, דעם צלם־אלוקים וואס שוועבט איבער אונזער פֿאלק מיט דעם גרויסן עטיש־אידעאליסטישן ליכט וואס ריזלט אין אונזערע אדערן, אין די אדערן פֿון די מיליאנען יידישע לעבנס אינעם יידישן שטעטל, וואס זענען אזוי טראגיש אומגעקומען על קידוש השם און ווענען דער זעלביקער שלום אש, און קיינער נישט ווי נאר ער, האט מיט זיין פּאעמע **„דער מארש פֿון די קדושים"** געהייליקט דעם דערהאבנסטן מאנומענט, דעם הערלישן **„איכה"** לדור־דורות. און די נשמה פֿארן דאזיקן ראמאן „דער תהילים ייד" האט ער באשאפֿן דורך זיין טיפֿן ארייַנדרינגען און באנעמען איינס פֿון די רייכסטע קאפּיטלען אין פּויליש־יידישן **חסידיזם — דאס קאצקער חסידות**, וואס ער רעזומירט אין דער **צוואה** פֿון זיין אויסדערוויילטן העלד **ר' יחיאל דער תהילים־ייד.**

ה. פאצאנאווסקי

# א צוואה פון א טאט׳ן

דער הימל איז תכלת בלוי
און עס בלאזט א מזרח ווינד,
נעמט א מאמע צו די כותל
צו די בר־מצוה איר קינד.

דער בר־מצוה מאכט די ברכה,
עס איז אן עונג צו הערן,
די מאמע שטייט
און גיסט מיט טרערן.

די טרערן זענען געמישטע,
טרערן פון פרייד,
פון גליק און נחמה,
און טרערן פון לייד.

דער בר־מצוה
איז יונג, א יתום געבליבן,
זיין פאטער פאר זיין טויט
האט א צוואה אנגעשריבן:

צו דיין בר־מצוה מיין קינד,
זאלסטו מיינע תפילין טראגען,
אבער בלויז מיט די תפילין,
קענסטו נישט, דאס דו ביזט א ייד, זאגן.

אמת דו ביסט נאך יונג,
אז דו זאלסט פארשטיין,
וואס עס מיינט,
א ייד צו זיין.

א ייד מוז האבן א עול,
צו זיין פאלק אין לאנד,
נישט לאזן
צו מאכן צו שפאט און שאנד.

„לא ינום ולא יישן"
און נישט ווערן מיד — —
אט דאס הייסט,
צו זיין א ייד.



סעם לעף

# וולאדימיר מעדעס

זיין צייט און די סביבה, וואו ער האט געלעבט—1879-1923 אין געוועזן טעטיק

די 60־ער יארן פון נייגצטן יארהונדערט, די צייט פון דער ממשלה פון צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן זענען געווען א פרילינג־צייט אין רוסלאנד; די באציאונג צו יידן מצד דער רעגירונג איז געווען א ליבעראלע. מען האט דערלויבט א גרעסערע צאל יידישע קינדער זיך צו לערנען אין גימנאזיעס און אויף אוניווערזיטעטן. מען האט דערלויבט יידישע דאקטוירים, אדוואקאטן און גרויסע סוחרים צו וואוינען און זיין טעטיק אין די רוסישע שטעט.

יידישע גבירים האבן אויסגענוצט אט די פריווילעגיעס. אזוי האט דוד מעדעם נאכן פארענדיקן זיינע שטודיען אויף א מעדיצינישער פאקולטעט באקומען א פאסטן אלס מיליטערישער דאקטאר אין מינסק. ווי עס האט געפאסט אין יענע יארן פאר אזעלכע פריווילעגירטע יידן, האבן זיי געטון אלדאס מעגלעכע צו פארווישן יעדע שפור פון זייער יידישקייט סאי אין שטוב סאי אין גאס. מען האט גערעדט רוסיש און געזוכט אויך אריינצוואקסן אין דער רוסישער קולטור.

דער דורכשניטלעכער יידישער אינטעליגענט האט זיך געפילט פאר א רוס. טא וואס האט אים געבונדן צו יידן, אז די רעליגיע האט זיך געהאט ביי אים אויסגעוועפט?. .

דער יידישער נאציאנאלער געדאנק האט דעמאלט נאך נישט געהאט אויפגעוואכט. איז מען געווארן אדער ווייניקסטנס געוואלט ווערן רוסן! מען האט פשוט געזוכט צו פארגעסן דעם יידישן אפשטאם און געלאפן צו שמד . .

די יארן פון פאליטישן פרילינג האבן זיך באלד געענדיקט און עס האבן זיך אנגעהויבן יארן פון רעאקציע, פון פאגראמען און פון אנטי־סעמיטיזם נאכן טויט פון אלעקסאנדער דעם צווייטן און איבערהויפט אונטער דער ממשלה פון זיין נאכפאלגער, דעם צאר אלעקסאנדער דעם דריטן!

מערערע לעגענדעס וועגן מעדעמס אפשטאם קורסירן ארום. אזוי, למשל, אז זיין פאטער איז געווען א רוסישער באראן און אז וולאדימיר, אויס ליבשאפט צו יידן, איז אוועק פון דער היים און אריינגעטרעטן אין דער בינדישער באוועגונג.

דער אמת אבער איז, אז וולאדימירס עלטערן זענען גראד געווען כשרע יידן. דער פאטער האט געשטאמט פון א פארמעגלעכער יידישער פאמיליע אין שאוול, אין דער ליטע, קאוונער גובערניע און די מוטער — פון א פרומער משפחה אין ווילנע. אבער וואס שייך זייער סביבה, מוז מען זאגן, אז זייער דור איז עפעס געווען אנגעשטעקט פון א שמד־מגיפה. אלע וולאדימירס פעטערס און מומעס זענען געווארן קריסטן . .

דער פאטער אליין איז געבוירן געווארן אין יאר 1836. צו אכט יאר איז ער אנגעקומען אין א גימנאזיע אריין און, ווי שוין דערמאנט, שפעטער אנ־

גענומען געווארן אויף א מעדיצינישער פאקולטעט אין אן אוניווערזיטעט אין פעטערסבורג. פונם טראדיציאנעלן יידישן לעבן איז ער זער פרי אוועק, און אפשר האט ער גארנישט געוואוסט פון קיין יידישקייט.

צוזאמען מיט די פאליטישע רדיפות אויף יידן האט זיך גענומען פרוכפערן דער יידנהאס. פון דער אנדערער זייט האט זיך געשטארקט ביי געוויסע יידן דער ווילן צו פארגעסן, אז מען איז א ייד.

אויף שריט און טריט אבער האבן די גוישע שכנים אזעלכע יידן דערמאנט, אז זיי זענען פארט יידן. דער פועל־יוצא איז געווען וואס א סך יידן האבן געפילט ווי ס'וואלט באמת געווען א חרפה צו זיין א ייד. דאס האט זיך געמערקט ספעציעל ביי דער רייכער יידישער אינטעליגענץ, וואס האט שוין געזוכט אלדאס מעגלעכע „פטור צו ווערן" פון אט דער שאנד . . כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט איז געווען דאס שעמען זיך מיט יידישן אפשטאם און ווי ווייט מעגלעך דאס צו האלטן בסוד. אזוי־זשע איז שמד געווארן א מיטל זיך צו באפרייען דערפון.

איינינקע חדשים פאר זיין טויט האט דוד מעדעם זיך געלאזט שמדן, זייענדיק א „סטאטסקי סאוויעטניק", כמעט א גענעראל, און אזוי ארום אן אנגעזעענער מענטש אין שטאט. וולאדימיר איז דעמאל אלט געווען דרייצן יאר. עפעס א גזירה איז געלעגן אויסגעגאסן אויף יידישע באאמטע ביי דער רוסישער רעגירונג, און וולאדימירס פאטער האט געהאט א גרונט מורא צו האבן, אז ער קען פארלירן זיין פאסטן . .

אין דער משפחה איז וולאדימיר געווען דער ערשטער פראוואסלאוונער קריסט, הגם ער איז געווען דער מוזיניק. עס איז געווען זיינע עלטערנס באשלוס, אז היות זיי האבן שוין גענוג געליטן צוליב זייער יידישן אפשטאם, זאל כאטש זייער יונגסטער זון נישט דארפן וויסן פון אזעלכע צרות . . האבן זיי טאקע אים געלאזט טויפן איינינקע טעג נאך זיין געבורט אין א פראוואסלאוונער צערקווע. זיינע צוויי עלטערע ברידער און די שוועסטער האט מען געלאזט טויפן אלס לוטעראנער און שפעטער האבן זיי חתונה געהאט מיט קריסטן. ווען קורץ פאר זיין טויט דער פאטער האט זיך געלאזט טויפן און די מוטער — איינינקע יאר שפעטער איז די פאמיליע אינגאנצן שוין געווען א קריסטלעכע.

וולאדימיר מעדעם אליין האט זיך דערוואוסט פון זיינע עלטערנס יידישן אפשטאם אפאר יאר פאר זיין פאטערס טויט.

די פראוואסלאוונע רעליגיע האט געשפילט א גרויסע ראלע אין וולאדימירס קינדער־יארן. צוויי מאל א וואך פלעגט ער גיין אין דער קירכע אריין, קיינמאל נישט פארפעלנדיק אין די קריסטלעכע ימים־טובים. אבער אין די לעצטע פאר יאר פון זיין לעבן אין דער גימנאזיע איז שוין פון זיין קריסטלעכן גלויבן קיין שפור נישטגעבליבן. די רעליגיעזע תקופה אין זיין לעבן איז געווען פאריבער. אבער הגם ער האט פארלוירן זיין רעליגיעזן גלויבן, איז אים פארבליבן אן עסטעטישער אינטערעס און ליבשאפט צו דער פראוואסלאוונער ליטורגיע אויף תמיד.



וולאדימיר מעדעם האט אויך זער ליב געהאט צו הערן מוזיק. ער פלעגט אפט אפזיצן שעהן לאנג אין א פארק זיך צוצוהערן צום שפילן פון אן ארקעסטער. זיינע צוויי ברידער זענען געווען אויסגעצייכנטע מוזיקער; דער יונגערער איז אפילו אויפגענומען געווארן אלס מוזיק־פראפעסאר אינם פעטערבורגער קאנסערוואטאריום. דער עלטערער ברודער איז געווען א טאלאנטירטער פיאניסט. בכלל איז אין אט דער פאמיליע געווען א חוש פאר מוזיק.

אין פרילינג פון יאר 1897 האט וולאדימיר מעדעם געענדיקט די גימנאזיע מיט א גאלדענעם מעדאל פאר זיין אזא אויסגעצייכנטער שילער. ווי זיין פאטער, אזוי איז אויך ער אנגעקומען אויף א מעדיצינישן פאקולטעט, אבער אין דער קיעווער אוניווערזיטעט, וואס ער האט צופעליק אויסגעוויילט. שפעטער האט ער איבערגעריסן זיינע מעדיצינישע שטודיען און איז אריבער אויפן יורידישן פאקולטעט.

אוניווערזיטעטן זענען אין יענע יארן געווען נעסטן פון ראדיקאליזם, א סארט לאבאראטאריעס פון סאציאליסטישע געדאנקען. וולאדימיר מעדעם איז אויך באאיינפלוסט געווארן פון אט די געדאנקען, און אין פעברואר, 1899, האט מען אים טאקע ארעסטירט בשעת א סטודענטישער דעמאנסטראציע . . מען האט אים אפגעשיקט צוריק אהיים קיין מינסק.

לאנג נאך האלבער נאכט ברענט נאך די לאמפ אויפן שרייבטיש אין מעדעמס צימער. דאס ליכט פאלט אויפן אפענעם באנד פון קארל מארקסנס „דאס קאפיטאל" וואס ווערט זיין וועג־ווייזער ביזן סוף פון זיין לעבן. מעדעם לייענט דאס בוך מיט א טיפער, אינערלעכער אויפרעגונג.

צוגלייך מיט „דאס קאפיטאל" ליגט אויף מעדעמס שרייבטיש נאך א בוך, זיין פאטערס ביבל — דער תנ"ך! נאך זייענדיק אין דער גימנאזיע, האט וולאדימיר מעדעם געהאט געלערנט ווי אפצושאצן דעם קינסלערישן ווערט פון אט דעם ספר. אבער איצט האט זיך אים פארגלוסט איבערצולייענען דעם תנ"ך אין דער אריגינאל שפראך. זיינער א חבר האט אים געפרואווט לערנען לשון־קודש, אבער ער האט זיך ארויסגעוויזן פאר א שוואכן לערער. מער ווי דעם אלף־בית האט מעדעם ביי אים זיך נישט אויסגעלערנט. צו יענער צייט זענען די מערסטע חברים זיינע געווען גראד יידישע סטודענטן . .

ווען אין 1906 מעדעם האט פרובירט דערקלערן ליעסינען, און אפשר זיך אליין, די סיבות, וואס האבן אים דערפירט צום יידישן פאלק, האט זיך ביי אים ארויסגעכאפט א פראזע — „ס'האט זיך מיר פארבענקט אהיים"!

דער מינסקער קאמיטעט פון „בונד" האט פארגעשלאגן מעדעמען אנצושרייבן אן אויפרוף אויף רוסיש צו די קריסטלעכע ארבעטער ערב דעם ערשטן מאי, 1900. ווי אט דער דאזיקער אויפרוף האט זיך באוויזן, האט די רעדאקציע פון „וועקער", ארגאן פון בערשטער בונד, זיך געוואנדן צו מעדעמען, אז ער זאל אנשרייבן אן ארטיקל פאר זייער ערשטן מאי נומער. וולאדימיר מעדעם האט אנגעשריבן צוויי ארטיקלען אויף רוסיש, איינס פון זיי מיטן טיטל „דער ערשטער מאי און דער סאציאליזם" און דאס צווייטע — „דער ערשטער מאי און דער פאליטישער קאמף". אזוי ארום איז מעדעם

געוואָרן אַ שרייבער ביי דער פּאַרטיי און אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען מעדעמען אָפיציעל אַריינגענומען אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מינסק.

צו יענער צייט האָט שוין וולאַדימיר מעדעם אויסשליסלעך פאַרקערט אין אַ יידישער סביבה, אָבער זיינע אַרטיקלען פלעגט ער נאָך אַלץ שרייבן אויף רוסיש. נאָר יידיש איז אים כסדר געוואָרן מער און מער פאַרשטענדלעך און נענטער צום האַרצן.

דער פּראָצעס זיך צו אידענטיפיצירן מיט יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן פריער, האָט זיך פאַרענדיקט בעת אַן אַרעסט אין דער אָכראַנע ווען מען האָט אים געגעבן אַ פראַגע־בויגן אויסצופילן. אַן שום וואַקלעניש האָט מעדעם אַריינגעשריבן אין דער רובריק „נאַציאָנאַליטעט", אַז ער איז אַ ייד.

אין האַרבסט, 1903, האָט מען מעדעמען קאָאָפּטירט צום אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד. ער האָט זיך דעמאָלט באַזעצט אין זשענעווע, אין דער שווייץ.

איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין יאָר 1904 איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם. מעדעם האָט זיך באַטייליקט אין אַט דעם קאָנגרעס. אַסך אינטערעסאַנטע מאָמענטן זענען געווען בשעת די דיסקוסיעס און אפשר דער שטאַרקסטער איז געווען די רעדע פונם גרויסן פראַנצויזישן סאָציאַליסטישן פירער, זשאָרעס. וולאַדימיר מעדעם, אַליין אַ באַגאַבטער רעדנער, האָט זיך געפילט שטאַרק באַאיינדרוקט פון דער וואָרט־שיינקייט פון אַט דער זשאָרעסעס רעדע.

סוף יאָר 1905 קומט מעדעם צוריק קיין רוסלאַנד, און נישט לאַנג שפּעטער ווילט מען אים אויס אַלס מיטגליד פונם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. מען קען פשוט נישט באַשרייבן אין אַ קורץ אַרטיקל אַלץ וואָס וולאַדימיר מעדעם האָט אויפגעטון אין משך פון אַכצן יאָר פון 1905 ביז 1923, ווען ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

כאַראַקטעריסטיש אָבער איז וואָס אין דער קורצער צייט, פון 1900 ביז 1905, איז אַט דער „פּראַוואָסלאַוונער גוי" געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פירער און וועגווייזער פון דער גרעסטער יידישער אַרבעטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — דער בונד!

אין משך פון די יאָרן פון אַלזייטיקער און פּאַרטיפטער פּאַרטיי־אַרבעט איז מעדעם אויסגעוואַקסן סיי אַלס אַן אויסגעצייכנטער רעדנער סיי אַלס אַ שרייבער. דער סוד פון זיין ווירקונג, קלאָרקייט פון געדאַנק און שאַרפקייט פון אַנאַליס, איז דעמאָלט רייף געוואָרן. ער האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט אַ זעלטענעם סינטעז, וואָס אַחוץ די שוין־דערמאָנטע פעאיקייטן האָט אַנטהאַלטן אַ טיף געפיל און אַ קינסטלערישן חוש. אַזוי מערקט מען אָפט ביי אים אַ מין פאַרבאָרגענעם ליריזם אונטערן געבוי פון זיינע לאָגישע אַרגומענטן. דאָס איז מסתמא געווען זיין גרעסטע קראַפט.

די שענסטע און העכסטע מאָמענטן פונם בונד זענען, אָן ספק, פאַר־



בונדן מיט מעדעמס נאָמען. מען קען אים באַצייכענען ווי איינעם פון די פּרעכטיקסטע צווייגן אויפן שפּיץ פונם בונדישן בוים. זיינע ליידן און פריידן זענען תמיד בונדישע, און עס איז זיכער שווער צו געפינען נאָך אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל אַזוי האָבן געמאַכט פון זיין אייגן האַרץ אַ מזבח פאַר אַט דער פּאַרטיי.

אַסך אַסך בלייבט נאָך צו שרייבן און צו כאַראַקטעריזירן וולאַדימיר מעדעמען אַלס מענטש, אַלס פּאַרטיי־חבר און אַלס שרייבער.

גאָט אַליין האָט מעדעמען באַשאָנקען מיט אַסך גלאַנץ.

נעט רובין

## אונזער תושב מאיר צעלניקער

עס ווערט איצט הונדערט און זיבן יאָר זינט אַברהם גאָלדפאַדן האָט געלאָזט דרוקן זיינע יידישע לידער. זיינע העברעאישע שירים זענען נאָך פריער געווען געדרוקט, און יידישע אַקטיאָרן, בכלל, ווי אויך אַקטריסעס האָבן די אַלע לידער פון זיינע אָפּערעטעס: שולמית, בר־כוכבא, עקידת־יצחק, יוסף מיט די ברידער און נאָך אַנדערע, מיט וועלכע טרופּעס שוישפּילער פלעגן אַרומוואַנדערן איבער אַסך מדינות, וואו נאָר ס'האָט זיך געפונען אַ יידישער ישוב מיט אַ געפיל פאַר יידיש־טעאַטער.

אויך דאָ־הי, ביי אונז טאַקע אין לאָנדאָן, איז געווען אַט אַזאַ אָרט פאַר יידיש־טעאַטער און מיט גרויס פאַרנעם. אַהער האָבן געצויגן שוישפּילער פון גאַנץ אייראָפּע, וואָס אַסך פון זיי זענען אַוועק קיין אַמעריקע און אַ טייל זענען מיט אונז דאָ פאַרבליבן, איינאָרדנענדיק זיך און פאַרבלייבנדיק תושבים. אַזוי פלעגט מען זאָגן אויף לאָנדאָנער שוישפּילער.

אַזוי געפינען מיר, אַז ווען דאָס יידישע טעאַטער איז געוואָרן פּראָפעסיאָנעל, איז אויך אַברהם גאָלדפאַדן געקומען קיין לאָנדאָן, וואו מען האָט טאַקע באַלד פאַרעפנטלעכט אַ צאָל פון זיינע לידער. דער אַמאָל גוט־באַקאַנטער פאַרלעגער און בוך־הענדלער, מאַזין, האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי לידער גאָלדפאַדנס, מיט מוזיק־אַראַנזשירונג פון פּראָפעסאָר שטוב.

גאָלדפאַדנס אָפּערעטעס האָט מען אויסגעפירט אינם פּאַוויליאָן־טעאַטער, און שפּעטער אינם טעאַטער גראַנד־פּאַלעי.

אין משך פון די יאָרן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר אַ רשימה פון פינף און פערציק שוישפּילער און שוישפּילערינס, לאָנדאָנער תושבים — צום באַדויערן! — שוין אויפן עולם־האמת.

דאָס יאָר 1927 אָבער האָט צו פאַרצייכענען דאָס קומען אַהער פון מאיר צעלניקער — אים צו נאָך אַסך גוטע און געבענטשטע יאָר! אַ רושם האָט ער דאָ געמאַכט מיט אויפטריטן אין פּאַוויליאָן־טעאַטער אין ראָלעס פון אַ כאַראַקטער־קאָמישן זשאַנער. נייין, ער איז לכתחילה נישט פאַרבליבן ביי אונז, נאָר איז צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע. אָבער אין יאָר 1936 האָבן מיר

טאקע אים געהאט צוריק, אזוי, אז ער איז שוין פארבליבן א תושב, שפילנדיק צום ערשט אין גראנד־פאלעי און דערנאך אין אדלער־סטריט טעאטער.

ווידער האט מאיר צעלניקער אונז געוויזן זיין קונסט, אויפטרעטנדיק אין כאראקטער־קאמישע ראלעס אין אפערעטקעס און מעלאדראמאטישע פיעסעס. מיטאמאל אבער האט ער זיך אנטפלעקט אין ראלעס פון אן ערנסטען און קלאסישן טיפ ווי, למשל, אלס שיילאק און טביה דער מילכיקער; אן ארט שפילן, וואס איז פארבליבן אומפארגעסלעך! אזוי ארום האבן מיר אין אים געבוּמען זעען א קינסטלער, בכוח אויפצוטרעטן סאי אלס קאמיקער סאי אלס דראמאטיקער.

א ייד א זקן האט אמאל דערציילט הארענדארפן ע״ה, אז אין מאנטשעסטער אין יאר 1817 זאל אן ענגלישער אקטיאר האבן געשפילט שיילאק אויף יידיש! אויב אמת, האט עס געמוזט זיין מיט אמאטארן, ווייל דעמלט האט דאך נאך קיין פראפעסיאנעל יידיש־טעאטער נישט עקזיסטירט, בפרט אין מלכות־ענגלאנד. מיר אבער האבן געהאט דאס פארגעניגן צו זעען שיילאק אויף א יידישער בינע דא אין אדלער־סטר.־טעאטער; אויפגעפירט פון פראפעסיאנעלע יידישע אקטיארן, מיט מאיר צעלניקער נא־שפיץ!

עס איז צעלניקערן געלונגען ארויסצוברענגען דעם ייד אלס נישט געלטגייציק, נישט ווי אן אנטיסעמיטישע קאריקאטור, נאר אלס א ווירדיקן יידישן מענטש, וואס פאדערט זיין רעכט, דעם חוב וואס קומט אים אלס מענטש. דאס כלומערשטע פארלאנגען א פונט פלייש פון דעם גויס קערפער פארן פעלן צו באצאלן די הלואה צו דער צייט איז פשוט געווען אדער געקאנט זיין בלויז א שווינדלערישער אויפטוי פון אט דעם גוי, כדי אריינצונארן דעם ייד אין א פאסטקע אריין און אזוי ארום זיך ארויסצודרייען פון באצאלן דעם חוב.

און וואס פאר א טביה האט מאיר צעלניקער אונז געגעבן אויף דער בינע אין גראנד־פאלעי! קינד און קייט קען די פאטאגראפיע פון שלום עליכם, אבער אזעלכע עקזיסטירט דאך נישט פון טביה דעם מילכיקן. האבן טאקע אקטיארן זיך באמיט, יעדער איינער אויף זיין גרים, אויפצופירן טביה דעם מילכיקן אויף כלערליי אופנים.

ביי מיר אין זכרון לעבט נאך דער לאדזשער ייד, וואס פלעגט יעדן אין דער פרי קומען צופארן אויף אונזער גאס מיט א פערד און וועגעלע, ברענגענדיק צופירן מילכיקס מכל־המינים. אויספארקויפט דאס מילכיקס, איז דער ייד אוועק אין דער שול־גאס אריין, וואו ס׳האט זיך געפונען דאס גרויסע בית־המדרש און דארטן זיך געשטעלט דאווענען שחרית און נאכן דאווענען פלעגט ער אפט נאך אריינכאפן אפאר קאפיטלעך תהלים איידער ר׳איז אהיימגעפארן צוריק.

אז צעלניקער איז אויפגעטרעטן אין דער ראלע פון טביה דעם מילכיקן, האט זיך פאר מיינע אויגן באוויזן אט יענער ייד. זעלטן אז אן אנדערער ייִדישער אקטיאר האט אזוי קינסטלעריש ארויפגעברענגט טביהן אויף דער יידישער בינע. איינדרוקספול קינסטלעריש איז אויך ארויסגעקומען די סצענע,



וואו צייטל, טביהס טאכטער, דערציילט אים, אז חוה, די אנדערע טאכטער טביהס, איז צוריק אהיימגעקומען און וויל בעטן דעם טאטן, אז ער זאל איר מוחל זיין — געשפילט פון מייטע סיגאל און חנה צעלניקער.

אויב אברהם גאלדפאדנס „ראזשינקעס מיט מאנדלען״ איז היינט־צו־טאג אזוי אומפארגעסלעך, אזוי וועלן אויך זיינע דראמעס, באמת קלאסישע ווערק, קיינמאל נישט פארגעסן ווערן. דאס זעלביקע מוז געזאגט ווערן אויף די טעאטער־שטיק פון שלום־עליכם, פרץ הירשביין, שלום אש, לייוויק און אנדערע דראמאטורגן, וועמעס ווערק מאיר צעלניקער האט אויסגעמייסטערט פאר אונז דא אין לאנדאן!

א י י ז י ק  ג א ל ד ב ע ר ג

## מאיר צעלניקערס פינף און זיבעציק יעריקער יובל

אויף א זער פיינעם אופן האט מען אין דער אדלער האלל געפייערט דעם פינף און זיבעציק יעריקן יובל פונם באוואוסטן יידישן טעאטער־קינסטלער — מאיר צעלניקער.

עס איז געקומען א גרויסער עולם פון טעאטער־ליבהאבער, קינסטלער, פריינט און אנדערע ארויסצוווייזן זייער אנערקענונג צום בעל־היובל, וועלכער ווערט אזוי געשעצט פאר זיין קינסטלעריש שפילן יידיש טעאטער אין לאנדאן־וויטשעפל, אויסצייכענענדיק זיך מיט זיין הומאר און סאטירע.

אלס ערשטער, מיט אפשאצונגען פון בעל־היובל, האט גערעדט דער דיכטער א. נ. שטענצל, ציענדיק די אויפמערקזאמקייט פונם עולם צום וויכטיקן ביישטייער פונם יידישן טעאטער צו דער יידישער ליטעראטור, יידיש לשון און דאסגלייכן. אויף אט דעם געביט האט מאיר צעלניקער זיך קונה־שם געווען נישט בלויז דא אין לאנדאן־וויטשעפל נאר בכלל אין ענגלאנד ווי אויך אין אנדערע לענדער. ער איז אויך, באזונדערס, באקאנט געווארן אויף דער ענגלישער בינע און פילם. גלייכצייטיק באגריסט א נ. שטענצל די חברים־טרופע, וואס, נישט געקוקט אויף די כלערליי שוועריקייטן, גייען זיי ווייטער אן מיט יידיש־טעאטער.

נעט רובין, אין נאמען פון „פריינט פון יידיש לשון״, באגריסט און דערמאנט א ריי זכרונות בנוגע יידיש־טעאטער אין לאנדאן אין שייכות מיטן בעל־היובל. נישט בלויז האט מאיר צעלניקער געשפילט קאמישע און כאראקטער־ראלן, נאר אויך ראלן פון קלאסישן רעפערטואר ווי „שיילאק״ און אנדערע אויף אן אויסגעצייכנטן אופן, געווינענדיק פאר זיך גרויס אנערקענונג ביים טעאטער־עולם.

אייזיק גאלדבערג ווייזט אן אויף דער וויכטיקייט בכלל פון יידישן טעאטער, ווייל דאס האלט צוזאמען א פאלק. אפילו פון דער חורבן־ליטעראטור געפינען מיר ווי אין אן עת־צרה האט מען געשפילט יידיש־טעאטער, אין די קאנצענטראציע לאגערן.

יוליאן גאלד באגריסט דעם בעל־היובל אלס פריינט פון טעאטער־חבר, אנווייזנדיק וואס פאר א פארגעניגן עס איז פאר אים פערזענלעך געווען צו שפילן יידיש־טעאטער צוזאמען מיט מאיר צעלניקער.

אין נאמען פון דער „חברים־טרופע" באגריסן די באליבטע קינסטלער הארי אריאל און מענדעלעוויטש דעם בעל־היובל. זיי פילן זיך אזוי אינטים פארבונדן מיט מאיר צעלניקער און זיינע נאענטע, איבערהויפט מיט זיין טאכטער חנה צעלניקער, האלטנדיק זיי ווי אן אייגענע משפחה. איז דאך יידיש־טעאטער ביי זיי אלעמען ממש א הייליקע ארבעט.

נאך די באגריסונגען האט די „חברים־טרופע" אויפגעפירט א זער קינסטלעריש פראגראם, אין וועלכן עס האבן זיך אויסגעצייכנט דער קינסטלער בלומענזאן מיט זיין פיינעם זינגען „א תפילה" און א טעאטער־ליד; דער באליבטער שוישפילער הארי אריאל האט אויסגעצייכנט רעציטאצירט פון „א מאדערנע יידישע חתונה". גאר באזונדערס האט אויסגענומען חנה צעלניקער, די טאלאנטירטע קינסטלערין, מיט זינגען יידישן פאלקסליד, און מיט זינגען א רומעניש־יידיש פאלקס־ליד. דעם פראגראם האט קאנפערירט דער ייִנגסטער מיטגליד פון דער טרופע וועלכער האט אנגעהויבן זיין קאריערע ביי מאיר צעלניקער — בערנארד מענדעלעוויטש און זיך באטייליקט קינסלעריש.

צולעצט האט מאיר צעלניקער אליין געדאנקט דעם עולם, די באטייליקטע און אלע, וואס האבן אים ארויסגעוויזן אזא נענטקייט און פריינטשאפט.

דאס קינסטלערישע פראגראם האט באגייסטערט דעם עולם ווי אויך די באגריסונגען און שבחים, וואס מאיר צעלניקער האט זיך אזוי כשר פארדינט.

מיר אלע ווינטשן אויך דעם בעל־יובל א גוט געזונט, ער זאל ווייטער זיין טעטיק און זיך ווידמען אויף זיין באליבטן קינסטלערישן געביט — עד מאה ועשרים שנה.

א. נ. שטענצל

## דער שורש (המשך)

### ב

א מיטגליד אינם „יידישן קולטור־קלוב" בין איך נישט געווען, אבער צום „געזערד" האב איך אנגעהערט; און מ׳האט נישט נאר געזאמלט געלט, א קליינע גרופע פונם קלוב איז שוין אפגעפארן קיין ביראבידזשאן — „אסט־יודן" האבן געזוכט וואו צו פארשווינדן! ס׳וועט טאקע קיין „האר פון א יידישן קאפ נישט אנרירן", ווי ס׳איז געגאנגען דעמלט דער „סלאגאן", אבער הערנדיק דאס הארסט־וועסל ליד, איז א שוידער איבערן לייב אדורך: אבער קעפ אפהאקן? — —

און ביים אפפארן פון דער ערשטער גרופע העמלט קיין ביראבידזשאן איז געמאכט געווארן א געזעגן־אוונט אין קולטור־קלוב.

אויף דעם אוונט, וואו לעוו האט געשפילט די ערשטע פידל, האט דער פארזיצער אנגערירט בערגעלסאנס כבוד: „די ווייסע קאלנערס באוויזן זיך נאך צו די יום־טובים, צו זיצן ביי די סעודהלעך אויבנאן."



איך האב דערשפירט בערגעלסאנס איפציטערן, ווען ער האט אויסגעשריגן: „דו, קליינבירגער, פארשטופ דיר מיט א שטיק לעקעך דעם פיסק!"

דאס ווארט „קליינבירגער", בפרט אין יענער צייט אין בערלין אויף א פראלעטארישער פארזאמלונג, איז געווען די גרעסטע באליידיקונג — ספעציעל פאר אן ארבעטער־פארזיצער, וואס איז טאקע א מארק־ארומפארער . . ס׳איז שיער ארויס א סומאטאכע.

ביי מין „באגריסונג" האב איך מיך אנגענומען פאר בערגעלסאנס כבוד: „א רוסישער ארבעטער־פירער וואלט זיכער נישט געוואגט צו דיקטירן גארקין! און בערגעלסאן איז נישט נאר דער גארקי אין אונזער יידישער ליטעראטור, נאר — אויב נישט נאך העכער!"

כ׳וועל קיינמאל נישט פארגעסן דעם בליק העמלט פון פרוי בערגעלסאן — — ער אליין האט געהאלטן דעם קאפ אראפגעלאזן.

עס איז געווען דעמלט דאס יאר 1932, ארום פסח־צייט.

ביים שליסן דעם „אוונט" האט דער פארזיצער אויסגערופן: „דעם ערשטן מאי טרעפן מיר זיך אלע אויפן אלעקסאנדער־פלאץ ארום אונזער יידישער פאן."

עס איז באשלאסן געווארן, אז די חברים פונם יידישן קולטור־קלוב זאלן מארשירן דעם ערשטן מאי אונטער אן אייגענער, יידישער פאן מיט יידישע אותיות.

מיט יידישע אותיות? צי וויל ס׳איז גלייכער צו גיין אין אן עקסטרא יידישער גרופע און די פאליציי קאן האבן א בליק אויף איר . . אויסגעמישט צווישן עולם, האט א מענטש מיט א יידיש־פנים שוין געקאנט ארייננכאפן א מעסער מן־הצד —

עס איז דאך שוין געווען דעמלט דאס יאר 1932, צוגעשפיצט ווי א פארזשאווערט מעסער, וואס מ׳האלט עס ביים אויסשלייפן . .

* * *

דר ערשטער מאי אין בערלין איז נישט נאר געווען א פראלעטארישער יום־טוב — ס׳איז געווען א משפחה־שמחה! אפגעמארשירט, געקומען צום טעמפעלהאף־פעלד, א ליכטיק באגרינטער, א טוי־אויסגעצוואגענער, א זונצעגלאנצטער, איבער קאפ אינם קלאר־בלויען הימל האבן שטאלן־געטשווישערט די ריזיקע פייגל — דער „פלוג־האפן" איז ערגעץ־וואו דא נישט ווייט געווען! — האט זיך דער יום־טובדיקער עולם, נאך די שארפע רעדעס, נאך די רעוואלוציאנערע לידער, אויסגעזעצט ארום די מיטגענומענע „סיר־הבשר" פעקלעך, ארום די אויפגעפראפטע פלאשן ביר און געפראוועט די „מאלצייט"־סעודה.

עס איז געווען סענטימענטאל־ראמאנטיש אויפן דייטש־גערמאנישן וואטאנאופן . .

עס איז געווען נאטירלעך, אז די נאצי־פארטיי, וואס האט געקוואפעט צו ווערן די גערמאנישע פראלעטארישע פארטיי — דאס דויטשע ארבייטס־

פאלק, זאל קודם אקופירן דעם פּראלעטארישן יום־טוב.

און אין די לעצטע יארן איז שוין דער ערשטער מאי אויפן טעמפּלהאף נישט מער געווען קיין משפּחה־יום־טוב, נאר א ברידער־געשלעג, א גוים־נחת, אזש בלוט איז גערונען.

ווען כ׳בין ארויסגעקומען דעם ערשטן מאי אויפן אלעקסאנדער־פּלאץ, וואו דער עולם האט זיך געזאמלט צום אויפמארש און דערזעען דעם התלה־בות פון אונזער עולם, וואס זאמלט זיך ארום דער פאן, וועלכע לעוו, מיט זיינע געביילטע פויסטן, האלט אנגעשפּארט אויף דער ארויסגעשטרעקטער ברוסט, א מארשירנדיקער, גרייט־שטייענדיקער אויף זיינע פּראלעטאריש־געקאוועטע צוויי הויכע שטיוול און קיינעם פון „אונזערע מענטשן״ נישט געזעען איז מיר געווארן אביסל קאלאמוטנע.

ווען דער „צוג״ האט זיך גענומען רירן, בין איך געשטאנען אין איינער פון די לעצטע רייען און געהערט דאס הילכיקע מארשירן פון לעווס פּראלע־טארישע שטיוול: „האפּ־סטאפּ, האפּ־סטאפּ״ און מיך דערמאנט די מעשה פון זיין „פּאפּ״—

כ׳האב אויפגעהויבן די אויגן, און מיטגעגאנגען אין שפּאן און זיי נישט אראפּגענומען פון די יידישע אותיות; און עפּעס האבן זיי זיך מיר פארמישט פאר מיינע אויגן מארשירנדיק: „פּראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט איך״ מיטן „מה טובו אוהליך יעקב״. .

כ׳האב מיך דערמאנט — דרעפּטשענדיק אזוי אליין — קיינער פון „אונ־זערע מענטשן״, אפילו נישט שמואל לעווין, אברהם מרגליות, נחמיה מאסט־בוים איז נישט געווען — אין מיין טאטנס ווערטער, קומענדיק אמאל אין שטיבל אריין, ווען קיינער איז נאך נישט געווען, „דער מהרש״ל פלעגט קיינ־מאל נישט זאגן „מה טובו״, קומענדיק אין שול אריין. ׳וואס גייט מיך אן דארט וואס דער גוי בלעם האט געזאגט. ג׳אט האט אים געלייגט די ווערטער אין מויל אריין, אבער דאס הארץ זיינס איז געבליבן עשיו׳ — און רחמנא ליבא בעי״.

כ׳מארשיר, כ׳האלט מיט דעם ריטם אבער ס׳טראכט זיך אלט: וואס איז טאקע קיינער „פון אונזערע מענטשן״ — נישטא — שוין לכבוד יידישע אותיות אויף דער פאן? איך הער, ווי דער שריט מיינער קלאפּט צום טאקט: „איש ל־א־הלו יש־רא־ל״! „לא־הלו, ישרא־אל״. „א ייד מוז זיך היטן״!

כ׳האב אבער ווייטער מארשירט ביזגל מיר זיינען אנגעקומען צום טעמפּל־האף פעלד.

* * *

ווען ס׳זענען געקומען די „פעריען״־וואכן, האב איך שוין נישט אנגע־טון פון די ברייטשעס, גענומען א רוקזאק ווי א „וואנדער־בורשע״, געגאנגען וואנדערן אין די געבירג און די אלטע דייטשע שטעט און נעכטיקן אין די „יוגנט־הערבערגע״. דארט איז שוין נישט געווען אזוי ראמאנטיש מער צווישן דער דייטשער יוגנט — „אנדערע פייגל און אנדערע לידער״.

איך בין מיט פריינט מיטגעפארן אין פּראפעסאר קלאטס פאלק־אוניווער־



זיטעט, וואס ער האט ערגעץ אנגעפירט צווישן שטראלזונד און שטעטין — עפּעס האב איך דאך נאך א שטיקל שייכות מיט יענער געגנט, האב דאך ערגעץ דארט אנגעשריבן מיין „פישער־דארף״—

א גאנץ אנדערע וועלט — אן אנדערער עולם! עס קאכט, עס זידט, רע־דעס, דיסקוסיעס — גאנצע דיסערטאציעס און אנשויאונגען — סטודענטן, ספּארט־מענטשן — א ווערטער־געראנגל! להבדיל א בית־מדרש! און ביי די ווענט שארן זיך פּאוסט־ פּאעט־לינגלעך מיט זאפטיק־שטראלדיקע גרעטכען־מיידלעך.

פּראפעסאר קלאט האט זיך ארומגעדרייט ווי עפּעס א מוסרניק אין קורצע ברייטשעס, אין א קרייז פון וועסטאלקעס פון ׳אסער־נימפן —

און ערשט דרויסן ביים ברויזנדיקן, ביים צענעפלט־שוימענדיקן ים —

עס איז נישט מיין כוח די מבולבלדיקייט דעמלט פון דער דייטשער יוגנט ארויסצואַרבעטן און ס׳איז אויך נישט מיין אמביציע.

דארטן אין דער נייער געזעלשאפט, וואו איך האב מיך איינגעלעבט און אויך פריינט באקומען, האב איך אנגעשריבן מיין ביכל „32״ לידער אין זומער 1932 אין דארסער וואלד ווי ס׳איז אויפן שער־בלאט פון דעת איינעם עקזעמפּלאר, וואס איך פארמאג נאך . . מיט א מאטא:

„א צעמישטע טאליע קארטן,
צו הויבן דעם טרומף,
ליגט די פינסטערע שטאט״—

דאס ביכעלע איז אפּגעדרוקט געווארן אין יאר 1933 שוין אונטער דער נאצי־ממשלה. (די דייטשע איבערזעצונג, וואס האט געזאלט ארויסקומען איז שוין ליגן געבליבן).

באקומענדיק דאס געלד אויסצולייזן די „בערלינער בלעטער״, מיט די פארזעצטע סעגאלבלאקס איז געבליבן נאך אזויפיל מארק דאס העפטל „32״ זאל נאך קענען דערשיינען.

— המשך אין קומענדיקן נומער —

## . . אז וויפל איז שוין ווערט מיין ליד?

ס׳חלומען פון דעם וואס געווען,
דאס טראכטן פון דעם וואס ס׳וועט ווערן;
נישט די אויגן דינען שוין מער,
נישט דער זכרון, ס׳קוים דערהערן.

כסדר דאס ארום זיצן,
דאס איינשלאפן אינמיטן לעזן;
אין זיבטן שווייס ווייט ווו כ׳שווים —
וואסער־באמבעס. צעפּ פון כינעזן.

צו די טרינקער אונטן ראפ,
צו די לעצטע שוועל פון מיין געסל,
און דורך א שטרוי בראנפן נאגן —
ס'איז קיילעך ערד א וואדקא־פעסל.

הויך איבער וואנט מוזיק־טומל —
תמיד אויפגעדרייט ראדיא־הערער !
האב איך אויפגעדרייט ס'גאז־רערל ?
ס'אטעמען אלץ שווערער און שווערער.

ס'וואלט שוין דאס בעסטע געווען
א סוף מאכן מיט ביסל לעבן;
אויסצודרייען זיך צו דער וואנט,
און א כראקע הערויף צו געבן.

איז עס אבער, מישטיינסגעזאגט,
קיין שפיי צומאל נישט ווערט אפילו;
ליג איך פארטייעט מיד און קוק
אויפן באלטן מיט אויגן שטילע.

וואס איך זע, עס לוינט נישט צומאל
איבער די ליפן עס צו ברענגען —
מיט אן ארויסגעשטרעקטער צונג
כ'זע מיך פון סופיט אראפהענגען.

פארמאך איך זיי אויף דער גיך,
איך זע מיך אלץ כסדר הוידען,
די ארויסגעשטרעקטע צונג האלט
אין אויער אריין מיר אין איין סודען.

א טאג פריער, א טאג שפעטער,
הענגט נישט אויף א האר דיין גאנץ לעבן ?
דו ברויכסט נאר פון אונטער די פיס
דעם שטול א קאפ־אוועק צו געבן.

„דרייסט א קאפ !“ כאפ איך מיך גיך אויף
און לויף גיך פונם בעט ארונטער,
אז צומאל קיין קאפ נישט ווערט,
און געזונט כ'בין און פריש און מונטער.

איך וועל שוין מוזן אויסהאלטן,
ווילאנג א קאפ טינט נאך אין טינטער,
— אז וויפל ווערט שוין איז מיין ליד ? . . —
און אויף בארג עס דרוקט נאך דער „פרינטער“.



# נאך צוועלף לידער

1

ס'ציטערט די זון צווישן די בלעטער,
און ס'פייגעלע זיצט שטיל אין געצווייג,
כ'לייען דאס בוך קייןווארט נישט צו פארשטיין —
ס'הארץ אין מיר — א פויגל אין א שטייג.

איינגעדזשימיעט מיטן אין א זאץ,
פונם שפיץ־בוים די זון איז אוועק — —
בין איך אויפגעוואכט פון פאל פון בוך,
צי פון ווינטלס שוידערנדיק געוועק ?

ביז אהיים באגלייט מיך דאס געטשוויטש
פונם פייגעלע אויפן בוים־שפיץ —
יא, דאס איז עס טאקע דאס לידל,
ביים טיש איצט פעדער אין האנט נאך כ'זיץ —

ווי אטעמדיק זי באוועגט זיך נאך !
ס'פייגעלע אין געצווייג שלאפט שוין לאנג,
זיין ליד שוועבט איבער מיין גרויען קאפ —
איבער מיין וויגל — מאמעס געזאנג.

2

זוך איך דאס אליין זיין טאקע דערפאר,
כדי מיך צוצוגעוויינען שוין צו איר,
נאך א יאר, נאך א חודש, נאך א וואך — —
אין אלע מיינע אברים ווי כ'פילס, ווי כ'שפיר.

אדער צי איז עס אפשר גאר דערפאר,
א שאד ס'איז יעדע רגע, יעדע מינוט,
אריינכאפן כ'וויל מיט נאך א לידל,
ווארום דעמלט ווען אין קבר שוין מען רוט — —

א, ניין, עס מסתם נישט דאס אליין,
אז ס'האלט שוין אזוי וויט, וואס דער אונטערשיד ?
וואס די הנאה דעמלט, דער נחת,
אז אנגעשריבן שוין מען האט נאך א ליד ?

כ׳זוך דאס אליין זיין, וואס דארף א צווייטער,
אין מיינע שוואכע מינוטן מיך צו זען;
שרייב איך דאך מיינע לידער אצינדערט,
כ׳זאל אליין מיינען: ס׳איז אלץ נאך ווי געווען.

3

וואלט איך געהאט אורא־ייניקלעך אצינד
און נישט פארשטאנען קייןווארט, וואס איך רייד;
זיך בארימט מיט זייער עלטער־זיידן:
„גרעיט־גרענד־פא, הי איז א דזשואיש פאעט!“

אסך ערגער מיך געפילט ווי איצטער,
וואס נישט בלייבן נאך מיר קיין קינד, קיין רינד —
כ׳וואלט שוין לאנג קיין לידער נישט געשריבן!
פאר וועמען שרייב איך זיי אצינד?

פאר קיינעם שוין נישט! אבער דער גענוס
ווען ס׳זיווגט זיך צומאל אן אלטער גראם!
דער, וואס אמאל נאר באמת געליבט,
דערפילן דערפון דעם זיסן טעם —

ווי דאס הארץ ציטערט־אויף ביי יעדן ווארט,
אט לאכט עס, אט איז עס פול מיט געוויין — —
אז ס׳געלינגט גוט א ליד איז עס ווי א קינד,
ס׳בלוט פון דיין בלוט, ס׳געביין פון דיין געביין.

4

די סאכעס רייסן די אקער אויף,
די בראנעס דעם זוימען פארשיטן;
פייגל־געזאנגען איבער זאנגען,
ווען צייטיק זיי ווערן געשניטן.

דאס געדרעש פון די שווערע צעפעס!
נאר יאדערדיקע קערנער בלייבן —
צום פארדייען פאר באמיסטיקן,
צום פארזייען אפצוקלייבן.

אזוי גייט עס יאר־איין יאר־אויס!
„וואוהין דערגאנגען, וואס דערלאנגען?“
פרעגט ס׳קינד ביי וויגנדיקער מאמען,
איינגעשטילט מיט „ליולו“־געזאנגען?



געאקערט, געזייט און געקאסעט —
דאס פלעווע־געשטויב, דאס געמלויצע!
וור ס׳כאפט סקארינקע שווארץ ברויט,
ווער פון ווייסער חלה א „מוציא“.

5

ס׳בלינצלט לבנה מיט בעלמע־אויג,
יעדעס פארשוויגענע ווארט כ׳קאן פארשטיין:
יא, אט־א דאס איז עס אינגאנצן,
אזוי אן אויפהער ס׳אויפגיין און פארגיין!

גלגלים־רעדעלע אין רעדל —
איינס אין אנדערן האלט זיך מיט די ציין!
פאר וועמען עס איז הימליש געזאנג
און פאר וועמען א יאמערלעך געוויין.

אז אצינדערט נישט נאר צו מיר,
צום מארס אפילו איר וועט שוין דערגיין — —
א, דאס ארכימעדעס־רעדעלע,
נישט איין קאפ האט עס געטון פארדריין.

אז וואס טוט עס שוין, דאס מענטשעלע?
ווי מיט א טראקטאר, דרעש־מאשין און קאמביין,
אן אקער ערד אטאם־אויפברעכן,
אז ס׳זאלן נייע גלגלים אנטשטיין —

6

. . אפילו ס׳איז נאר א חלום,
בלויז מעשהלע אזא צום לעזן,
כאפט מען זיך אויף, מאכט מען צו ס׳בוך,
איז אלץ ווידער ווי געוועזן — —

פארן איינשלאפן אויף תמיד,
נישט מער קיינמאל שוין אויפצוואכן,
ס׳מעשהלע ווי נישט ענדיקן,
די אויגן — נישט דאס בוך צומאכן.

בעסער צען מאל אין איין טאג איי־
דער, אויף איינמאל גאנץ שוין צו שטארבן;
זע, ס׳ברעכט שוין זון־ און לבנה־שיין,
איבער אויגן מיינע צוויי שארבן.

אבער ווי כמאריק מיין שטערן,
קנייטשן זיך דאך נאך שורות־קארבן,
מיט שניט־צייטיקע געזאנגען,
זיי צו בינדן אין לידער גארבן.

7

וואָרפסט זיך היינט, וועסט זיך ווארפן מארגן,
אהין, אהער, אט אויפגעלאכט, אט א טרער;
ענדערן עס וועט זיך אויף א האר נישט — —
און אז גאר נישט מיט גאר איז וואס דער מער??

אמת, ס׳קומט אלץ ארויס אויפן זעלבן,
דאך ווי עס שיינט מיט א שטיקל אונטערשיד:
אויף העכסט קול געזונגען און ווי ביליק,
און דווקא שטילינק — א געלונגען שיין ליד.

בלויז לסוף אויךביידע מיד, שטיל און אויס —
ס׳געטריל פון פייגעלע ווי דעם לייבס געבריל!
גליקלעך וואלט איך געווען ווען מיין געזאנג,
ערלעך כאטש אזוי ווי א הונטס געביל.

פארוואר, ס׳קומט אלץ ארויס אויפן זעלבן!
ס׳ציט זיך די צייט א צעקלינגטע קייט און גאר —
וויקלאר ס׳איז אלץ און מיט פעטלע אויף האלדז — — —
דאך נאך א טאג, א יאר לידלעך נאך א פאר.

8

מיר גנבנען זיך אדורך דורכן לעבן,
יעטווידער מיט זיינע כיטרע שטיק;
וואס לענגער מיר קאנען עס דערשלעפן,
אין דעם מישטיינסגעזאגט ס׳גרעסטע גליק.

א „שלעפע באבע״־שפיל איז דאס לעבן,
אין „כאפערלעך״ — אזא בלינדע שפיל!
א גאטס רחמנות אויף די פארליערער,
ווי אויף די וואס דערגרייכן דעם ציל —

איז נישט א רייטן צום טויט דאס לבן?
און יעדער וויל רק זיין אויפן פערד — —
א בייטש האלטן אין דער האנט און פאכען!
ערשט דער מיט בלאנק־געשליפענער שווערד.



אבער וואס איז עס אזוינס דאס לעבן?
מען לייגט עס ערשט אפ אויף נאכן טויט . .
און אויף די קינדער וואס בלייבן איבער —
בלינד צו טאפן דעם בית־חיים־פלויט.

9

(די קליינע באלאדע נאך כאטש)

מיין איינאיינציקער הייליקער ברידער,
ווען ער איז געלעגן אויפן טויטנבעט,
צו מיין טאטן זצ״ל, זיצנדיק ביי אים,
אט די לעצטע ווערטער דעמלט גערעדט:

„א מצוה שבגופא נוצט נישט קיין שליח,
בלויז ׳ברא כרעי דאבי׳ — בין איך דאך דו,
בעט איך דיך, טו מיינע תפילין פאר מיר אן,
זיי מכוון טוסט׳ס פאר מיר, כ׳בעט דיך טו.

„אמת ׳יום המיתה כיום הולדו׳,
א קליין קינד נאך אצינד — א קטן כ׳בין!
מילא בין איך דאך נישט מחויב — פטור!
שטיין אבער באלד לפנים משורת הדין״.

האט טאטע מיט שמחת מצוה די תפילין
אנגעטון פארטיפט מכוון געווען — — —
אזוי מיין ברודער הייליק אויסגעגאנגען —
זיי האבן ביידע דעמלט גאט געזען.

10

## „אז מ׳לעבט מיט חשבון שטארבט מען מיט ווידוי״

מיין שוועסטער געיאגט אין גאז־קאמער אריין,
וואס האט זי דעמלט לויפנדיק געטראכט,
מיט אלע צוזאם, נאקעטע, געיאגטע,
האנט, מסתם, געזוכט פארדעקן די טראכט.

ווען זי איז שוין אינעווייניק געווען,
צוזאם מיט אלע וואס האט זי געמאכט,
דערשפירנדיק דעם גאז אויף איר שפיץ־צונג, אין
הייליק משוגעת זיכער אויפגעלאכט.

ווי האבן זיי דיך פארשעמט שוועסטער מיינע,
און אזוי פארשעמטערהייט אומגעבראכט — —
„עינים להם ולא יראו״ און דו,
אונזערער, האסט די אויגן צוגעמאכט.

זיך געשעמט קוקן די וועלט אין די אויגן?
פון שאנד אפשר געפאלן אין אנמאכט?
זייט דעמלט כ׳פלאנטער ארום בלינד פון א האס —
און אלץ ארום מיר — איין גרויס פארדאכט.

11

אז מען שפילט מיטן ביסעלע לעבן,
פארוואס זיך נישט א שפיל געבן מיטן טויט?
לייגט מען דאך אריין נאר איין קאפ אין ד׳רערד,
און מען נעמט ארויס אזויפיל קעפלעך קרויט.

אז וואס פאר א ווערט שוין א לאבן ברויט,
אז דארטן באקט מען די בעסטע בייגל גאר?
פאר אלעמען גלייך און ס׳הערט דארט אויך אויף,
יעדער גנביש־כשרער: „מ׳טאר נישט”! „מען טאר”.

און אז „עזה כמות אהבה” — —
איז דאך די ליבשאפט צום טויט נאר א פארגלייך!
און איז נישט אזא פסוק פון א ליד,
שטארקער און אייביקער פון ביידע צוגלייך?

אז וואס איז לעבן און וואס איז טויט?
פון מומיע ביז מאווסאלע — איין מויזן־שפרינג!
אבער מיט לעצטן זינג שוין, מיט לעצט ליד,
מאטראץ ציטערט מיט נאך מיט לעצטן זינק.

12

מען שלעפט אים דעם אייגענעם שאטן
ביז אין גרוב, וואו מען פאלט אריין;
פארשאטן די ערד, גלאט־אויסגעליכן,
בלויז וואו בלייבט ער דער שאטן אליין?

ער קוקט ארום זיך, פול מיט שאטנס
די גאנצע וועלט ארום און ארום!
גרעסער איינער ווערט, קירצער א צווייטער,
און דער ווי פארהויקערט קרום און שטום.

אן אויסגעלאשן־פארגליווערטער,
א שטילער, פארטאמטער בלייבט ער שטיין:
אין דער וויסטער וועלט וואו זאל ער
איינער אליין אזוי ווייטער גיין?



אונטער אים צוגעגלעטע ערד,
מיטן לעצטן שאוול צוגעשיט — —
ניין, ער פארשווינדט נישט, ער, דער שאטן,
ער גייט אויף מיט דער זון אין צעניט.

* * *

אז איר וועט מיך געפינען א טויטן אויף מיין בעט,
זאלט איר וויסן, נישט באגאנגען כ׳בין קיין זעלבסטמארד —
אלץ איז מיר ווערט אויסצוהאלטן, צו שרייבן נאך איינס
פון מיינע געזאנגען, רעדן א יידיש ווארט.

דריי מאל נאך ישראל כ׳בין עולה־רגל געגאנגען,
מיין העכסטער פארלאנגען — דארטן בלייבן געוואלט;
אבער אז מיין לאנד, מיין שפראך — לשון לועזית!
יידיש וואס יעדעס ווארט צו וועגן מיט גינגאלד.

אצינד, קיין ראדיא קיין שום רייד און צומאל מיינע,
ממעמקים׳דיק־טיף, פארטומט, טויט־איינגעשטילט — —
דאס לעבן ארום עס האט שוין „זיין רעכט” מיר געטון,
טא טוטזשע אויך אצינדער מיט מיר וואס איר ווילט —

גלויב איך דאך הייליק: „עתידה ארץ־ישראל
שתתפשט” — גאנצע ערד איין ברידערלעך לאנד!
אויך דארט נאר, אויב מן קען זיך „מיען”, כ׳וועל׳ס זיכער טון — —
ביים ירושלים של־מעלה כותל־וואנט.

## א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס

1

די סענטימענטאלע היטלער־פילמען, וואס באווייזן זיך לעצטנס — קעגן וועלכע מ׳פראטעסטירט מכלומרשט! — ווערן פון „ליבן פובליקום” אויפגענומען מיט גרויס ערנסט אין דעם כאאס פון דער קוש־פראדוקציע אויף דעם לויפנדיקן זנות־ליילעך. פאר דער שול־יוגנט, וואס דווקא פאר אזעלכע היסטאריש־היסטערישע פילמען האבן זיי דעם „הכשר”, איז דער דאזיקער קיטש — דער גאלער אמת.

ווי דאס שונדישע וועלטעלע דרייט זיך דאס אזוי שווינדלעריש — א ביליקע פים־סטענגע אויפן עקראן.

די לעצטע ביולעטינען פונם „יידישן וועלט־קאנגרעס” ווארפן אן א מורא מיט דעם „אינטערעס פארן נאציזם, וואס פאטיש דערפירט ער צו א משונהדיקן היטלער־רענעסאנס אין אטייל קרייזן אין אייראפע”.

אבער צו וועמען האבן מיר א טענה? מיר האבן דאך אים געכשרט מיט

די „שילומים"—

מיט די בלוטיקע גוטמאכונג־געלדער" האבן מיר דאס דייטשע פאלק צוריק אריינגעפירט אין שפיץ פון די אייראפעאישע פעלקער, און באלד וועלן זיי שוין דערשיינען מיט א טאפלטן מארק־שרייערישן הילך אין דער יונ"א.

א, מיר זענען תמיד געווען גוטע רעקלאמע־מאכער!

און צי איז דייטשלאנד נישט אצינד די גרעסטע סאציאליסטישע מדינה אין דער גארער וועלט?..

דער „גוטער דייטש" איז, בטבע, א שטימונגס־מענטש — ער שטימט ווען עס שטימט מיט זיינע חשבונות.

דער אידעאליסטישער בראנדט, דער אויסדערוויילטער קאנצלער אצינד, לוינט, מן־הסתם, צו די ביזנעס..

און ווי מיר האבן דאס הויך געטריבן דאס געשעפט בשעת בראנדטס אפיציעלן באזוך אין ישראל — דאס בלוט האט זיך נישט איינמאל געשטעלט אין פנים אריין, לייענענדיק די רעקלאמע־באריכטן.

אבער נישט נאר פעלקער — אויך פארטייען זענען קאניוקטור־סחורה.

**בשעתן היטלער־זיג, ביי די וואלן**, ביי דעם שטומען אויפמארש פון די די סאציאל־דעמאקראטן, פרעג איך אן ארבעטער־טוער: „איז דאס טאקע אלץ, וואס איר קאנט טון?" איז זיין תשובה געווען: „וואס ווילט איר, מיר זאלן פאר אייך — געמיינט דערמיט אונז יידן — די קאשטאנעס פון פייער ארויסנעמען"?! און ריידן דען קאמוניסטן איצט אנדערש?!

פעלקער? פארטייען? דער מעלה־גירה, ווי קאן ער ווערן ווידערלעך מיט זיין ווידערקייען, אז עס נעמט טיילמאל אן אן עקל.

און **ביי אונז איז דען אנדערש**? פרומע ישיבות, וואס פלעגן מתחילה אויסמיידן די „שילומים", עסן אויך שוין אצינד „טעג" ביי די „גוטע דייטשן"..

פרעג איך אנומלט אזא חסידישן פירער: „היתכן?" האט ער גלייך א פסוק אויף דערויף: „חטאך בצדה פרוק" — אויף יעדער זאך איז דאך דא, ב"ה, א פסוק.

פארוואר, בראנדט דער דייטשער קאנצלער, זייענדיק איצט אין „יד ושם", האט א בעסערן פסוק אויסגעקליבן. ווי ווייט מיר וועלן דערפארן אויף די דייטשע פאלקס־„וואגן" — איין ג־אט ווייסט.

יא, מיר ווילן זיין ככל הגוים און וועלן, אי"ה, עס בקרוב באלד זיין! האט דאך אפילו אזא נביא ווי שמואל, וואס אגג האט אויפגעציטערט אים דערזעענדיק, **געמוזט בייגן זיין ווילן פארן פאלק**.

א, און נישט **נאר** ככל הגוים, מיר ווילן באלד, מסתם, געהערן צו די „גרויסע" — הייבן זיך נישט אן שוין צו ווייזן סימנים פון אייגענע "וואטער־גייטלעך" — ווי א אין אונזערע געטא־שטעטלעך!

אויפרופן, ארטיקלען אין יידישע צייטונגען מכוח עפעס א געגרינדעטער אינסטיטוציע אין ישראל, מיט אנגעזעענע מלוכה־פירער נא־שפיץ, וועגן פאנדן



צו שטיצן די יידישע פרעסע; אפילו דא ביי אונז, איינם געמויזעכטס פון אונזערע אינזל־וואסערן, שטורעמט עס מוטנע אויף ווי א בליץ אין א געפלאצט גלאז.

מילא, אז אונזער ישראלדיקע מדינה־אנפירונג וויל האבן א שטארקע האנט איבער דער פרעסע אין דער דיאספארע, איז נישט מער ווי רעכט, בפרט אז מ'שטייט **אצינד פאר נייע כנסת־וואלן** —

יידיש איז טאקע נישט קיין שפראך נאר א „מיטל", אבער פאר אן אנפירער קאן עס נוצן! און מכוח די שילומים? „געלט שטינקט נישט"! עס רעדט אלע שפראכן..

לייענענדיק צוויי ארטיקלען אין „יידישן קעמפער", 15־טער יוני, 1973, אזוי איינס נאכן אנדערן: „דער שטורעם ארום א געהיימען פאנד" און „וועגן א רעטונג־פארזאמלונג אין תל־אביב", איז אלץ אזוי קלאר געווארן ווי אויף דער האנט. פאר א געניטן רעדאקטאר ווי אונזער שטריגלער איז גענוג אזא צוזאמענשטעל פון ארטיקלען — א סמיכת־הפרשיות, כדי צו פארשטיין אן ענין —

מה ענין שמיטה אצל הר סיני? ברויך מען דען ערשט צו לייגן א פינגער אין מויל אריין; א ווארט נאך ארויסצוווארפן?

און לייענענדיק איצט די דריי ארטיקלען פון דער אחריותפולער צייטונג „לעצטע נייעס" פון דעם יידיש־מומחה, פראפ. שיקל פישמאן, מכוח דער מערכה פון יידיש אין ישראל־ראדיא און טעלעוויזיע, שטעלן זיך ממש די האר קאפויער: אזא דיסקרימינאציע, אזא חוכא־וטלולא איבער די שפראך, וואס א דריטל פון איר באפעלקערונג רעדט אויף איר און מער ווי א העלפט פארשטייט זי —

ממש „חוצפה כלפי שמיא — —"

אז וואס איז דען אזוינס, אויב נישט מיאוסע חוצפה, אז יידיש איז אין דער יידישער מדינה א לשון־לועזית?

רעדן דא, אין די אויפרעגנדיקע פאר שורות מכוח דער גרויסקייט פון אונזער יידיש־לשון, וואלט געווען א פחיתת־הכבוד פאר יידן, פאר ישראל, פאר דער יידישער ליטעראטור — זייט אונזער תנ"ך איז נאך אזא שעפערישע התגלות נישט געשען — ס'איז ממש איבער מענטשלעכע השגות — די יידישע שאפונג אין די פאר לעצטע הונדערטע יאר.

* * *

אויף איין יידיש אייגן ווארט וויפיל קאן מען מחדש זיין, ממש ווי אויף ווארט פון דער תורה — כאטש עפעס דערפון דערמאנען!

דאס ווארט „פארשמייען" פון וווּ שטאמט עס דען? מסתם פון א משנה אין פרק אבות, וואס יידן זאגן אים אין זומערדיקן שבת־טאג אין שעפערישער שטימונג, גוט אויסגעשלאפן נאך פעטן טשאלנט און קוגל און זיסן צימעס:

„שמעיה אומר אהוב את המלאכה" —
וואס ארבעטעסט דו אזויפיל, וואס שמעיה'ס דו?

און פון ווו שטאמט דען דאסווארט „טשולנט“?
זאגט מען דאך, אז שטאמט פון ווארט שילין —
פון איבערנעכטיקן, ביי בעקער אין אויוון,
און צימעס איז גאר פשוט מסתם: „צום עס“ —
שוין זאט־אנגעגעסן, עס מען דעם צימעס.
און איצט כאטש א צוויי זאכן פון פאלק־לאר:
„אנגעטון אויף טערקיש“ — עס קומט זיכער פון דעם
וואס שבתי צבי האט אונז אנגעטון אויף טערקיש.
און וואסזשע איז אזוינס: „א פייג“? ווייזן א פייג?

זיצן צוויי יידן און קריגן זיך, איינער האט צום אנדערן א טענה, ווייזט אים דער אנדערער מיט די פינגער א פאג“ — דו האסט דו דיין תאנה! נא דיר א פייג!

„אין די טויזנטער גייען זיי די געניאל געשאפענע ווערטער און פאלקס ווערטלעך מען דערקענט ממש די עפאכעס ווען זיי זיינען געשאפן געווארן — די רב שכנא־מהרש״ל גמרא־מיט־תוספותדיק חריפות־דיקע און די גוט־יידישע בעל־שם־דיקע, ביז פראסט־עמכדיקע בעל־מלאכישע זאפטיקע, גראבע „צומאל אונטערוועלטליך“.

פונם אלט־דייטש־יידישער „כאנטע“ — גענומען פון אראמעאיש „ולחנתה“,* ביזן לעצטן ענגליש־יידישן ווארט „איך גלייך דיך“ — ווייל איך בין גלייך צו דיר פון דיין קלאס, דיין שטאנד און די טויזנטער ווערטער און ווערטערלעך פאריידישט פון אלע לשונות און דער עיקר פון די סלאווישע קען מען אנציילן — ס׳עוולן נאך געשריבן אזויפיל דעסערטאציעס אויף דער טעמע וויפיל אוניווערזיטעטן ס׳איז דא אין דער וועלט.

און עס ציט זיך אזוי פון דאס שאפן פון נייע יידישע ווערטער פונם גאליצישן „שמיי דריי בראשית“ ביזגל ביים זיצן צוזאם ביים „תהי־לימל“ — די וויצן פון קארטן־שפיל ווער קאן זיי אויסציילן —
„אבותי כי בטחו“ ברודער וואס דו“?

מיר שטייען דאך איצט פאר די ימים נוראים דערמאנען כאטש א פאר ימים נוראים ווערטער און אז א פאלק ווערט שעפעריש איז עס ווי א ווולקאן אפילו כלפי שמיא און אין די הייליקסטע טעג: „ווסט מיך רופן צום נתנה תוקף“, „קוק נאר אן דעם שמע קולינו“, „איז דאס א לא לנו“ „ער קוקט אריין ווי א האן אין בני אדם“, „אמרי ללוקים, רעדט צו דער וואנט“, אכילה איז די בעסטע תפילה (פון „אוחילו לקאל“) „א קארפיער אתרוגל“, אן אפגעשלאגענע הושענה“ „קרעפלעך וועלן מיר עסן.“ ערשט דער פאלקלאר יום־טובדיקע מאכלים, מלבושים.

קאן מען דען דערשעפן א באר מים חיים? און ערשט אונזער פאלקס־ליד, אונזער מאדערנע יידישע ליטעראטור — —

---

* דניאל ח׳ ב.



3

און צום סוף: אויב דער סטאטוס פון יידיש אין מדינת־ישראל וועט ווייטער אזוי בלייבן, אז יידיש איז א לשון־לועזית, איז עס דען אנדעריש צו פארשטיין ווי מיט די „שילומים־גלדער“ האבן שוין די דייטשן נישט נאר פאר די זעקס מיליאן באצאלט, נאר מ׳ווארפט שוין זיי אויך צו צום אקסן־מסחר דאס לשון פון די זעקס מיליאן—נאט אייך אויך זייער שפחה, זייער זשארגאן! עס איז דאך, סך־הכול, אייערס, א דייטשער דיאלעקט—אן אידיאם.

אויב ס׳איז אזוי, אויב נאך פינף און צוואנציק יאר מדינת־ישראל, האלטן מיר זיך **נאך אלץ ביי דער משכילישער חכמה**, האבן מיר נישט קיין אנדערע ברירה ווי **צו ווארטן — דער תנ״ך** האט פיל לענגער געווארט ביז ר׳איז געווארן די **תורה־שבכתב. אונזער** הארעפאשנע יידיש האט ברייטע פלייצעס — ס׳קאן אויסהאלטן!

אונזער תורה שבלב האט א טיף הארץ; א מאמע־לשון רעדט מיט די אויגן ווען ס׳געפינט שוין אפילו נישט קיין ווארט; ס׳כאפט זיך ארויס א שטילער, טיפער **זיפץ**, דאס שענסטע פון אונזער שפראך — דער ניגון! דעם קאן מען נישט אסימילירן — מ׳קאן אויסגיין מיט אים, מיט קרעמא־טאריעס־ רויך און — „אויב נישט נאך העכער“!. .

מיט דער „ואני“־מעלאדיע איבער אונזער מאמע רחל האט עס זיך אנגעהויבן **מיטן „שיר־השירים“**־געזאנג זיך געצויגן אונזער „ארויסריידן“ — דער „קל מסתתר“ **אין די שבת בין־השמשותן** און דער „דוד מלך ישראל חי וקים“ האט זיך הבדלהדיק צעפלאקערט.

און ערשט אונזער פאלקלאר פון שת ימי בראשית אן ביזן היינטיקן טאג נאך און אונזער פאלקסליד —

„אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל“ און „די דריי נייטארינס“ באגלייטן עס אויף דער „זינגער“־ניימאשין, און דאס „העמערל, העמערל“, קלאפט צו צום טאקט.

אונזערע „**יונגע“ אין אמעריקע**, אונזער חברה איצט אין ישראל! און וואו נישט? **ווא די וועלט האט נאר אן עק**.

א, גאט, **ווער קאן משיג** זיין אזא מענטשלעכע התגלות פון א פאלק אין גלות, **אין די לעצטע הונדערט** יאר?

יא, צום סוף: איך זיץ אין א קאפעע דא אין לאנדאן, דער ראדיא זאגט אן: „איצט וועט מען זינגען דאס מלאכים־וויגליד“. און וואס זינגט מען? „אין ארימען חדר איינע אליין“ — — דער זינגער זאגט נישט, אז דאס איז א יידיש וויגליד — מסתם א בלעז־ייד! — אבער ווי האט מיין הארץ זיך געוויגט און אין מיין אויג די אנגעצונדענע טרער — —

„אין לנו רק התורה הזאת!“ יעדעס פאלק האט נאר זיין ביסל שעפערי־שעס. ווארפט עס דאס אוועק, ביי וואס בלייבט עס?

„א שטעקעלע אריין, א שטעקעלע ארויס, און די גאנצע מעשה איז אויס“—

דעם עיקר שכחתי? כ׳האב אים נישט פארגעסן! נאר צו אים מוז מען האבן א שטעקן. נישט קיין שטעקעלע. אי״ה אין א קומענדיקן נומער

## ווען יצחק יאמראזע זינגט זמירות

(פון דער סעריע: טיפן פון מיין שטעטל זאקראטשים)

צי יאמראזע איז געווען א פאמיליע־נאמען צו א צו־נאמען איז מיר נישט גענוי באקאנט, ווארשיינלעך איז עס געווען א צו־נאמען, אין זאקראטשים האט זיך נישט געפראקטיקירט, אז מען זאל עפעס דארט אן עמך־ייד א געווענלעכן טרעגערטשיסקע רופן ביי זיין פאמיליע־נאמען, ווי למשל דעם רייכן ציקאריע־פאבריקאנט רבי שבתי שאפשאוויטש אדער דעם פארמעגלעכן תבואה־סוחר רבי שלמה דזשערגאווסקי.

איך געדענק יצחק יאמעראזאן שוין אנ׳אלטן מאן אין זיינע 70־קער יארן. געלעבט האט יצחק ביזן הויכן עלטער פון 96 יאר. יצחק איז געווען א טרעגער. א נידריק־געוויקסיק יידל מיט ברייטע פלייצעס, א ייד א גבור. געטראגן זעק מעל און אנדערע משאות ביז איינציקע טעג פאר זיין טויט. דער טרעגער־פאריין, ווו יצחק איז געווען א מיטגליד האט אין אכט גענומען זיין עלטער, פארלאנגט פון אים מער נישט ארבעטן, געוויזן אים דעם סטאטוט פון פאריין, אז א טרעגער־מיטגליד ארבעט ביז א געוויסן עלטער. נאכער ברויכט ער מער נישט ארבעטן און וועט סיי־ווי־סיי באקומען זיין פולן לוין מיט אלע טרעגער גלייך ווי ביז איצט. יצחק האט אבער נישט געוואלט דערפון הערן. מיט געבייזער געענטפערט, אז ווי לאנג דער רבונו־של־עולם גיט אים יארן און געזונט וויל ער ארבעטן גלייך מיט אלעמען, פארדינען זיין שטיקל ברויט און נישט נעמען קיין נדבות. דער טרעגער־פאריין האט שוין געזען אז יצחק זאל „אויסקומען" צו טראגן לייכטע פעק און ער זאל האבן אפטע און לענגערע וואקאציעס.

יצחק יאמעראזא איז געווען שטומפיק אויף די עברי, כמעט נישט געקאנט דאווענען און דאך ליב געהאט זיך צו האלטן מעשה־באלבאס און אלץ נאכטון ווי עס פירט זיך אין באלאבאטישע היימען. יצחק האט געהאט אן איינציקן זון, בערל. שוין אנ׳עלטערער בחור, בערל איז געווען א שמייסער־יונג ביים באלעגאלע־באלבאס חיים משה סטאניסלאווסקי און ווי זיין טאטע נישט געקאנט אן אות אין סידור. א גאנצע וואך ביים טראגן די פארמעלטע זעק האט יצחק געמוזט טראגן זיינע טרעגער־קליידער, ווען עס איז אבער געקומען דער ליבער שבת־קודש, האט יצחק א ריינער אן אפגעוואשענער געטראגן א ברייטע אטלאסענע קאפאטע, ברייט צעקנעפלט, עס האט זיך ארויסגעזען דאס קלארע ווייסע העמד מיט דעם גרויסן ארבע־כנפות. יצחקן האט זייער הנאה געטון, ווען ער און זיין זון בערל זיינען שבת נאך שחרית און מוסף־דאווענען, געגאנגען אהיים פון שול. יצחק האט געטראגן אונטערן ארעם דאס גרויסע טלית־זעקל, באגריסט אלעמען מיט א ברייטן גוט־שבת! זייער צופרידן געווען, אז מען האט אים געענטפערט; א גוטן שבת אייך רבי יצחק א גוטן שבת, בערל, ביי יצחקן אין שטוב איז געווען ריכטיק אויפ־



גערוימט, א גוטע באלאבאסטע געווען פייגע, יצחק׳ס ווייב, דער טיש באדעקט מיט א שבת׳דיקן קלארן ווייסן טישטוך אויף וועלכן עס האבן שוין געפינקלט גלעזעלעך בראנפן. אויף טעלערלעך זענען געלעגן שיין־געשניטענע שטיקלעך לעקעך, אויף גרעסערע טעלער פארציקעס פיש, אויף דעם אויבן אן טיש, ווו יצחק, מעשה באלאבאס איז געזעסן, זיינען אונטער א שיין געשטריקט טישטעכל געלעגן גרויסע היימיש געבאקענע חלות. יצחק עפנט אויף ברייט די טיר אין זיין שטוב אריין, עס הערט זיך — א גוט־שבת, פייגע! א גוט־שבת מאמע! פייגע ענטפערט שטיל, מיט דרך־ארץ, ווי עס פאסט פאר א כשר יידיש ווייבל, מיט שיער נישט קיין געלאזטע טרער, (שבת טאר מען נישט וויינען) — גוט־שבת, גוט יאר מיין מאן. גוט־שבת, גוט־יאר, מיין זון! און פייגע טראכט בשעת מעשה: הייליקער גאט אין הימל, עס זאל מיר נאר מיין נחת נישט פארשטערט ווערן . . יצחק און בערל וואשן זיך די הענט, זעצן זיך צום טיש, מאכן א ברכה אויף זייער שטייגער, ווי זיי קאנען. עס דערהערט זיך א שטילער אמן! אויך שיער נישט מיט קיין געלאזטע טרער, מען האט אויסגעטרינקען די גלעזלעך בראנפן, אויפגעגעסן די געשמאקע פיש. יצחק ווייסט, אז אין באלבאטישע היימען זינגט מען זמירות נאך די פיש, נו! בערל. רופט ער זיך אן צו זיין זון, נעם דעם סידור און מיש אויף די זמירות. דערוויל זינגט זיך יצחק צו זיין אייגענעם ניגון און קלאפט צום טאקט אויפן טיש מיט די פינגער־קנעכלס, בורי בורי, בים באם, בורי בורי, בים באם, באם באם באם — וואס גדויערט עפעס ביי דיר אזוי לאנג אויפמישן די זמירות? און זע נאר, ווי ער האלט דאס דעם סידור, ווי ער וואלט געהאלטן אן ארטשיק אין די האנט. ביזט דאך נישט יעצט ביי דיינע פערד. אוי! אוי! ווי אזוי דיין רבי, דעם חיים ווייסערקאפף האט דאס דיר געלערנט, קיין אות דאווענען קאן דאס נישט, ווייניק האב איך אים געצאלט פון מיין שווערע הארעוואניע, רבי־געלט? נאר וואס איז ער נעבעך געווען שולדיק דער חיים ווייסערקאפף, אנ׳ערלעכער ייד געווען, געוואלט אז זיינע תלמידים זאלן קאנען דאווענען און זיין יידן. אבער דו האסט געהאט א חמור׳ישן קאפ און נישט געוואלט לערנען. נאך אלס קליינער כפרה האט דיך שוין געצויגן צו די סוסים, נאר פערד גיב אים, ביזטו טאקע געווארן א שמייסער יונג. ווער ווייסט ווי לאנג נאך יצחק וואלט אנגעהאלטן זיין בינטל רייד, ווען פייגע קומט נישט אריין און לאזט וויסן, אז זי גייט אויפגעבן דעם טשאלענט, יצחק, אז ער האט דערהערט טשאלענט, איז וואס מיר זמירות? ווער מיר חיים ווייסערקאפף? יצחק האט אנגעהויבן רייבן איין האנט און די צווייטע, שנופן מיט די נאז־לעכער, געוואלט שוין פון דערווייטנס דערשפירן דעם טעם פון טשאלענט און פארענדיקט דעם לעצטן אקארד בירי בירי, בים באם ,בים באם באם באם, פייגע ברענגט אריין צוויי גרויסע טעלער מיט א הויכן טשיפ אנגעלייגטן טשאלענט פון וועלכן עס גייט א געדיכטע פארע. אוי! אוי! פאסמאקעוועט זיך יצחק, איז דאס א טשאלענט פון סאמע טשאלענט־לאנד. נו, תנא־בארטעק! רופט ער זיך אן צו בערלען, לייג שוין אוועק דעם סידור, דער טשאלענט קאן נאך געסטויעט ווערן. יצחק

נעמט זיך צו דער מלאכה, עסן דעם טשאלענט, ער ס׳מוטשקעט מיט די ליפן, דרייט מיטן קאפ, דער טשאלענט שמעקט אים, אויפגעגעסן דעם טשאלענט, אויסגעווישט דעם טעלער אפגעלעגט די פינגער, יצחק׳ס אייגעלעך הייבן זיך אן צו קלעבן. ער טוט א הויכן גענעץ און רופט זיין יידינע, פייגע ! מאך ס׳בעט.

אייזיק גאלדבערג

## א האלידעי אין מאיארקא

### — רייזע איינדרוקן —

האיאר האבן מיר, מיין פרוי און איך, גענומען אונזערע האלידעיס אין די ווינטער־חדשים, פעברואר־מערץ, אין מאיארקא, די באקאנטע שפאנישע אינזל אין דער געגענט — ארענאל.

ווען דאס וועטער איז שיין און טרוקן — אייגנטלעך כמעט אלעמאל — קען מען יעדן טאג זען אסך שפאציר־גייער אויפן לאנגן, זאמדיקן ים־ברעג. מען זעט אויך דארטן שטרויענע דאך־שירמלעך אין די טויזנטער איינגעהעמערט אויפן גאנצן וועג. עס מאכט דעם איינדרוק ווי מען וואלט זיך געפונען אין א מין זולו־לאנד.

אהערגעקומענע טוריסטן האבן, פארשטייט זיך, די מעגלעכקייט איינצוטעמען לויטערע ים־לופט און גענוג אזעלכע געפינען זיך דא נישט געקוקט אויף דער ווינטערצייט, ווייל אחוץ דאס מילדע וועטער זענען די פרייזן גינסטיק־ביליק. זעט מען טאקע אין די געשעפטן, קאפעען און אזוי ווייטער פיל טוריסטן־באזוכער.

א געוויסן זוניקן טאג נעמט אונז א קאטש צוזאמען מיט א גרופע האטעלגעסט קיין פארמענטא. דער שטח אהין איז איבער זעכציק מייל, און עס קומט אונז אויס פארבייצופארן א ריי דערפער און שטעטלעך. מיר פארן פארביי אויך דעם לופט־פארט נאענט פון דער הויפטשטאט, פאלמא, וואס האט א באפעלקערונג פון אן ערך א פערטל מיליאן איינוואוינער. די גאנצע באפעלקערונג פון דער אינזל באטרעפט ארום דריי הונדערט מיט פופציק טויזנט נפשות.

אט זענען מיר אין אינקא — דאס איז א געגענט פון לעדער־פראדוקציע, מיט פאבריקן, וואו מען מאכט אחוץ שיך, טאשן, האנדשו, מאכט מען אויך קליידונג פון לעדער. עס געפינען זיך דארטן מער־ווייניקער פינף און זיבעציק אזעלכע לעדער פאבריקן. מיר באזוכן איינע אזא פאבריק.

דערנאך פירט מען אונז אין א געגנט פון דער גלאז־אינדוסטרי. דארטן ווערן געמאכט קינסטלערישע פיגורן פון גלאז.

ווייטער פארט די קאטש איבער א לאנגן שאסיי, וואס פון ביידע זייטן זעט מען ביימער בליען, פאמעראנצן און ציטרינען־סעדער, מאנדלביימער און אנדערע.

די קאטש שטעלט זיך אפ ביי א פארט. א שיף פירט אונז אריבער אויף



אן אנדערער זייט ים, און מיטאמאל געפינען מיר זיך אין אן אויסערגעוויינלעך־רייכער נאטור־לאנדשאפט. ארום דעם געדרייטן ים־ברעג געפינען זיך גרויסע און קליינע בערג אן א צאל מיט פאנטאסטיש־שטיינערנע שפיצן. דאס אלץ שטארצט ארויס אזוי וואונדערלעך־שיין דא און דארטן, אז עס פארכאפט אזש דעם אטעם. דערצו האבן נאך מענטשלעכע הענט אזוי מייסטערהאפט אויסגעבויט דעם גאנצן ארום מיט וועגן, הייזער, אלייען, האטעלן, קאפעען און כלערליי פארגעניגן־פלעצער, וואס דערמעגלעכן אייך זיך דא אויפצוהאלטן און געניסן פון דער רייכער נאטור־שיינקייט.

שפעטער נעמט די קאטש אונז פירן איבער בארג און טאל. מען שלענגלט זיך דורך געדרייטע וועגן, וואס פירן אלץ העכער בארג־ארויף ביז מען קומט צו צום הויך־פונקט. דער שאסיי פון דארטן פירט פארביי דעם ראנד פון בערג, אזוי, אז עס באפאלט אייך טיילמאל א פחד. אט־אט, דאכט זיך, און די קאטש גליטשט זיך אראפ אין א טאל אריין . . אזוי פארנדיק, דערגרייכן מיר צו די סאמע העכסטע פונקטן פון די בערג. די קאטש שטעלט זיך אפ, און מיר שטייגן אויס כדי צו באזיכטיקן די געגנט. מען פילט זיך ווי פארכישופט פון דעם גאנצן ארום. מען געפונט זיך אין א קרייז פון בערג און טאלן, וואס דאס אויג קאן ממש נישט אויפהערן צו באוואונדערן; די שיינע נאטור־בילדער. אפשר נאר קינסטלער און מאלער זענען ביכולת דאס אלץ אויפצוכאפן און באצייכענען. עפעס ווי א געטלעכע האנט האט אזעלכעס געקאנט אויסהעמערן און צוזאמענשמעלצן.

זאט זיך אנגעקוקט מיט דער וואונדערלעך־רייכער נאטור, נעמען מיר ווידער פארן איבער די געדרייטע שאסייען בארג־אראפ אויפן וועג צוריק און מען ווייזט אונז אן פארשידענע געגנטן פון היסטארישער באדייטונג, סימנים, וואס זענען טויזנט און צוויי טויזנט יאר אלט, ווען די רוימער צומערשט און אראבער דערנאך זענען דא געווען. פארשטייט זיך, אז עס האט אלץ צו טון מיט דער געשיכטע פון שפאניען.

הערנדיק אזעלכעס, האט פלוצים זיך דערוועקט אין מיר א מאדנע געפיל; עפעס האט גענומען וויי טון. איך האב מיך דערמאנט אין דעם קאפיטל געשיכטע, וואס מיר יידן האבן געהאט מיטן שפאנישן פאלק און ווי ס׳האט זיך פארענדיקט צום שלעכטן מיט קנאפע פינף הונדערט יאר צוריק. יידן האבן דאך דעמלט געשפילט א וויכטיקע ראלע ביים שפאנישן פאלק און זיין רייכער קולטור, ביישטייערנדיק זיך צום דעמלטיקן פראגרעס.

פון דער געשיכטע ווייסן מיר, אז מאיארקא איז געווען א נעסט פון יידישע אנוסים, וואס האבן זיך דא געזוכט אויסצובאהאלטן פון דער שפאנישער אינקוויזיציע. ליידער איז דער סוף דערפון געווען א טראגישער. אבער דאס איז א קאפיטל פאר זיך.

אינטערעסאנט און וויכטיק איז געווען צו באזוכן אויך די „קעפס" — דאס זענען אור־אלטע היילן אונטער דער ערד, פאררעכנט צווישן די גרעסטע אין דער וועלט זיי ציען זיך אויף לאנגע שטרעקעס און עס קומט נאך אויס צו פארן אויף שיפלעך איבער וואסערן צוצוקומען צו נאך אנדערע היילן

אונטער דער ערד. מען האט מיך געווארנט, אז עס וועט זיין צופיל אנשטרענגונג פאר מיר. האב איך, צו מיין באדויערן. דאס אלץ נישט באזוכט

די אינזל מאיארקא איז בעצם בלויז א קליינער חלק פון דער שפאנישער טעריטאריע, אבער דאך אן אפשפיגלונג פון איצטיקן שפאנישן פאלקסלעבן. פונדאנען קאן מען אויך אפשאצן דעם מצב פון פארשידענע טיילן פון דער באפעלקערונג; דעם חילוק צווישן ארעם און רייך, צווישן רייכן און ארבעטער־קלאס.

דער לעבנס־ניוואָ איז זער א נידריקער און באשרענקטער פאר דעם ארימערן. מען וואוינט נאך דא ענלעך ווי ביים אנפאנג פון צוואנציקסטן יארהונדערט אין מזרח־אייראפע. אזוי זעט מען דא נאך אלטע כאטעס, קעלערשטובן מיט קליינע פענסטערלעך, אן גענוג ליכט, אן זון. עס איז גארנישט צו פארגלייכן דעם לעבנס־ניוואָ פון די ארימערע און ארבעטער־קלאסן אין אייראפע מיט דעם שפאנישן.

פון דער אנדערער זייט זעט זיך דא בולט ארויס דער וואוילשטאנד פונם רייכערן קלאס. מען מוז באוואונדערן די מאדערנע הייזער צום וואוינען, האטעלן און די פארגעניגן־געגנטן פאר טוריסטן, וואס ווערן דא אינטענסיוו געבויט אויפן מאדערנסטן סטיל.

בכלל וויל מאיארקא צוציען דעם וועלט־טוריזם, און דאס דערקלערט אפשר פארוואס דערווייל איז אלץ אזוי צוגענגלעך און ביליק. מיט דער צייט מוז עס ווערן א פינאנציעלער דערפאלג. עס שטראמען שוין אהער טוריסטן פון פארשידענע פעלקער און לענדער, הויפטזעכלעך דייטשן, ענגלענדער, עפראנצויזן, האלנדער און סקאנדינאוויער. צווישן אט די אלע זעט מען אויך יידן־טוריסטן.

מער ווי אנדערע האבן דייטשן זיך דא באזעצט. „מאיארקא" האט אפילו א דייטשע ראדיא־סטאציע און אויך אן ענגלישע. עס גייען דא ארויס לאקאלע צייטונגען אויף דייטש, ענגליש און אנדערע לשונות. אויך דאס געזעלשאפטלעכע לעבן פון די פארשידענע נאציאנאליטעטן איז דא זער אקטיוו. אין „ארענאל" האבן די דייטשן אן אייגענע קירכע אין א וואלד, געבויט לויטן לעצטן סטיל אין ארכיטעקטור, האלב פאר פראטעסטאנטן, האלב פאר קאטאליקן, ארומגערינגלט מיט א פארק. דא האבן זיי זייערע טראדיציאנעלע קולטור־צוזאמענטרעפן און כלערליי פאראנשטאלטונגען. יעדן זונטאג שטראמען אהער די דייטשע טוריסטן און אנדערע, וואס האבן א חשק צו זען און באוואונדערן דאס קינסטלערישע בוי־ווערק.

ליבעראלע אידן האבן אויך א מקום־קדוש אין פאלמא. עס געפינט זיך אין א זאאל, וואס די קירכע האט זיי אפגעגעבן. ראביי וואן דער זיל, וואס האט פריער געלעבט אין בערלין און אין לאנדאן, פירט דא אן דערמיט. מען דאוונט דא הויפטזעכלעך פרייטאג־צו־נאכטס, פארענדיקט מיט א קידוש.

כאראקטעריסטיש איז ווי די פארשידענע יידן, ספרדים, אשכנזים, וואס באזעצן זיך ווידער אין שפאניען, הייבן אן ווידער אויפלעבן די יידישע רעליגיע, קולטור, טראדיציע פאר יוגנט און עלטערע אויף פארשידענע פאר-



מען ווי אין אנדערע לענדער. גראד די ליבעראלע יידן זענען זער אקטיוו אין דער ווידער אויפלעבונג פון יידן אין שפאניען. עס בלייבט אפצווארטן וויאזוי דאס וועט זיך בכלל אנטוויקלען.

לויט די באריכטן פון דער לאקאלער און אלגעמיינער פרעסע, וואוינען שוין איצט אין שפאניען אן ערך צען טויזנט יידן; דער גרעסטער טייל אין מאדריד און בארצעלאנא, מיט אייגענע סינאגאגעס.

ווען מיט עטלעכע יאר צוריק, מען האט דערעפנט די סינאגאגע אין מאדריד, האבן פארטרעטער פון דער שפאנישער רעגירונג באגריסט אין איר נאמען. יידן פילן זיך פאר לאיאלע בירגער פון לאנד אדאנק דער הומאנער איינשטעלונג פון דער רעגירונג לגבי די יידן.

די פארגעניגן־פלעצער, וואו טוריסטן האלטן זיך גרעסטנטיילס אויף, ליגן ארום „פאלמא", די הויפטשטאט פון מאיארקא. לויט דער מאפע ליגט די שטאט אין אן עק־ווינקל פון דער אינזל. פון בידע זייטן ברייטערן זיך אויס צוויי ים־ברעגן ווי פון א פערד־פאדקאווע. דאס פולסירנדיקע לעבן דארטן הייבט זיך אן פון דער זייט ארענאל־גאן־פאסטילא, וואס איז מער פלאך לאנד מיט א גראד־לאנגן ים־ברעג. פון דער אנדערער זייט זענען די שטעט גאלאמאיאר, פאלמא נאווא, מאגאלוף, און אנדערע א מער בארגיקע געגנט און שענער אויסגעבויט.

בכלל איז די שטאט פאלמא דער הויפט־צענטער פון האנדל און טוריזם. די מאדערנע האטעלן און פארגעניגן־מעגלעכקייטן זענען אויפגעבויט ערשט מיט אן ערך פופצן־צוואנציק יאר צוריק דארטן, וואו פריער זענען געווען גרעסטנטיילס פישער־דערפער, האבן די אינזל איינוואוינער יעצט אזוי פאפולאר געמאכט אלס א האלידעי־געגנט.

א ניי לאנד, וואס מען באזוכט צום ערשטן מאל אדער א נייע געגנט, אינספירירט דעם טוריסט. דערפאר טאקע וועלן די איינדרוקן פון אונזער ערשטן באזוך אין מאיארקא פארבלייבן לאנג ביי אונז אין זכרון.

א ל י א ש א  ט א ל ס ט א י

## טורגעניעוו
## זכרונות וועגן מיין פאטער. (פראגמענט)

כ'וועל ניט באשרייבן די שטרייטן צווישן מיין פאטער און טורגעניעוו, וואס סע האט זיך געענדיקט מיט איבעררייסן די פריינטשאפט אין יאר 1861.

סע איז געווען באקאנט, אז די שטרייטן צווישן מיין פאטער און טורגעניעוו די צוויי בארימטסטע שרייבער אין דער וועלט ליטעראטור, זענען געווען אויפן גרונט פון ליטערארישע קנאה. כ'וועלט זיך קעגן שטעלן קעגן די מיינונג פון קריטיקער און מענטשן ווען כ'וועל באשרייבן דעם באזוך פון טורגעניעוון אין יאסנאי פאלאגיא ווי סע איז מיר באקאנט, מיין פאטער האט זיין גאנץ לעבן ניט געהאט מיט קיינעם קיין סכסוך חוץ מיט טורגע-

ניעוון. טורגעניעוו האט געשריבן א בריוו צו מיין פאטער (18·6) „איר זייט דער איינציגער מענטש, מיט וועלכן כ׳האב געהאט מיספארשטענדניש.

מיין פאטער פלעגט דערציילן געוון זיינע קריגערייען מיט טורגעניעוו און זיך אליין געמאכט שולדיג. נאך דער קריגעריי האט טורגעניעוו זיך שטארק אנטשולדיקט. טורגעניעוו פרעגט טאלסטאיען: וואס אייגנטליך האט די וועלט צעשפרייט א שם מיר זענען שונאים? אין יאר 1856 שרייבט טורגעניעוו.

אייער בריוו, טייערע לעוו ניקאלאיעוויטש, האב איך דערהאלטן זער שפעט. כ׳דאנק אייך פארן שרייבן און שיקן דעם בריוו. כ׳וועל קיינמאל ניט אויפהערן אייך ליב צו האבן און שעצן אייער חברשאפט, אפשר — באשטימט צוליב מיין שולד — יעדער פון אונז וועט זיך קעגנזייטיק פילן שולדיק . . כ׳דענק, אז איר וועט פארשטיין, אייגענטליך פון וואן קומט דער גאנצער מישמאש, וואס כ׳האב אקארשט דערמאנט.

איר זייט דער איינציקער מענטש מיט וועלכן כ׳האב געהאט מיספארשטענדיניש. ס׳איז געשען דערפאר, וואס כ׳האב געוואלט אונזער חברשאפט פארטיפן מער פארשפרייטן. אבער כ׳האב דאס געמאכט אויסגעלומפערט, כ׳האב אייך צערייצט און באאומרואיגט, ווען כ׳האב דאס באמערקט דעם טעות, האב איך זיך צוריקגעצויגן בליציג שנעל. אט דאס איז די אמתע סיבה פון אונזערע שטרייטונגען. אבער דאס אלעס זענען פיזישע איינדרוקן און גארניט מער. אויב כ׳וועל אייך אמאל באגעגענען וועל איך ווייטער האבן „בייזוויליגע פייערליך אין מיינע אויגען" דאס וועט ניט זיין די סיבה אז כ׳בין א בייזוויליגער מענטש. כ׳פארזיכער אייך, אז מען דארף ניט קיין שום סיבות. מע דארף געדענקען אז כ׳בין אסך עלטער פון א׳ך און כ׳גיי אויף גאר אנדערע וועגן . .

צוריקגעשמוסט, חוץ ליטעראַרישע פאראינטערעסירונגען, האבן מיר ווייניק געמיינזאמעס. אייער גאנץ לעבן איז געבויט אויף די צוקונפט, מיין גאנץ לעבן איז געבויט אויף די פארגאנגנהייט . . סע וועלט ניט געווען גלייך פאר מיר צו גיין אין אייער וועג, אירט ניט גיין אין מיין וועג. איר זייט צו ווייט אוועק פון מיר, און צוגלייך שטייט איר צו פעסט אויף אייערע אייגענע פיס, כדי צוזיין עמעצנס תלמיד. כ׳קען אייך פארזיכערן, אז כ׳האב קיינמאל ניט געטראכט אז איר זייט א שלעכטער מענטש, אדער זיין ליטעראַריש אייפערזיכטיק. כ׳האב געדענקט (כ׳בעט אייך מחילה) אז סע פעלט אייך לאגיק, אבער קיינמאל ניט בייזוויליקייט. איר זייט טיפזיניק גענוג צו וויסן, אויב צווישן אונז איז איינער מיט קנאה קעגנזייטיק, איז דאס באשטימט ניט איר . .

טורגניעוו איז געוועזן אין יאסנאיא פאלאניא דריי מאל. ס׳לעצטע מאל אין סעפטעמבער יאר 1878, דאס ווארטן אים איז געוועזן פון א גרויס געשעעניש, אממערסטן האט זיך איבערנומען און איבערראשט די מוטער. פון איר האבן מיר געוווסט, אז דער פאטער האט זיך צעקריגט מיט טורגעניעווען ער האט אים אמאל גערופן אויף א דועל, און יעצט רופט אים דער פאטער ברייוליך, טורגעניעוו קומט, כדי זיך איבערבעטן מיט מיין פאטער. די גאנצע צייט פון טורגעניעווס אנוועזנד זייך ביי אונז איז ער כסדר געזעסן



מיטן פאטער, נאכדעם האט די מוטער אונז צוזאמענגענומען אין סאלאן, טורגעניעוו האט דאמאלט פארגעלעזן זיין דערציילונג: „דער הונט" כ׳געדענק זיין הויכע ברייטפלייציקע פיגור, גראע, זיידענע, א געבליכע קאליר האר, לייכטע באוועגונגען אניט גלייכן טריט און אן איידעלען קול וואס אנטשפרעכט ניט זיין ריזיק מייעסטעטישע פיגור. ווען ער פלעגט לאכן, האט ער זיך צעלאכט ווי א קליין קינד, און זיין קול איז געווארן איידעלער און דינער. נאכדעם האבן מיר זיך באזעצט ארום דעם טיש אין סאלאן, דער זומער טאג איז געווען ליכטיג-זוניק. דאכט זיך די מאמע האט פראפאנירט אז יעדער פון די אנוועזנדע זאל דערציילן פון זיין גליקליכסטן מאמענט אין לעבן. איוואן טערגעיעוויטש — האט זיך די מוטער געווענדעט צו טורגעניעווען — אירט דערציילן דער ערשטער. — מיין גליקליכסטער מאמענט אין לעבן איז דאמאלט געווען ווען כ׳האב דערזען אין די אויגן פון מיין געליבט מיידל און זיך דערוווסט אז זי ליבט מיך — האט טורגעניעוו געענטפערט און זיך דערביי פארטראכט. טאלאסטאי האט פיינט געהאט ווען טורגעניעוו פלעגט אים רופן אין די בריוו „דער גרעסטער שרייבער פון די רוסישע ערד" מיין פאטער האט זער פיינט געהאט שארבלאנארטיגע אויסדרוקן.—פארוואס „שרייבער פון ערד" דאס ערשטע מאל הער איך, ס׳זאל זיין א שרייבער פון ערד. אסך מאל איבערחזרן מענטשן אנשכלדיקע פראזן וואס זענען ניט נויטיק. טורגעניעוו האט אין זיינע בריוו כסדר אנגעצייכנט די גרויסקייט פון מיין פאטער. ליידער קען איך דאס ניט זאגן אין באצוג צו מיין פאטער אין די באציונגען מיט טורגעניעווען. די געוואלטיקע נאטור פון מיין פאטער האט זיך באוויזן אין די זאכן. די פערזענליכע באציונגען האבן אים ניט ערלויבט צו זיין אביעקטיוו. אין אסיען 1883 שוין נאכן טויט פון טורגעניעווען, ווען אונזער גאנצע משפחה האט זיך איבערצויגן איבערן ווינטער קיין מאסקווע, דער פאטער איז פארבליבן אין יאסנאי פאלאניא מיט די אלטיטסקע פלעגערין אגאטאי, דאמאלט האט ער זיך קאנצענטרירט און גרונטליך געליינט אויפסניי אלע ווערק פון טורגעניעווען. אט אין יענער צייט שרייבט ער צו מיין מוטער:

. . כ׳הענק כסדר וועגן טורגעניעווען, כ׳ליב אים שטארק, ווען כ׳לעז אים וויין איך און כ׳לעז ווייטער. ווי כ׳וואלט מיט אים צוזאם געוועזן. מיט זיכערקייט וועל איך האלטן וועגן אים א פארלעזונג, אפשר וועל איך דאס אויפשרייבן און געבן צום פארלעזן: זאג דאס יארעיווען . . כ׳האב אט יעצט געענדיקט ליינען טורגעניעווס „גענוג" לעז, וואס פארא וואונדער . . ליידער דער דערמאנטער פארטראג וועגן טורגעניעווען פון מיין פאטער איז ניט פארגעקומען, צוליב רעגירונג שטערונגען.

ידיש: משה דאמב



קעזאנאוו ראד 1961 א. ב. לעווי

## לאנדאנער קולטור ידיעות (המשך)

דער גוט־באקאנטער פראזאאיקער, משה דלוזשנאווסקי, האט געוויילט אייניקע טעג אין לאנדאן.

° ° °

דער זשורנאליסט און עסייאיסט, מאיר עדלבוים, אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי, געפינט זיך אויף א לענגערן באזוך דא אין לאנדאן.

° ° °

איטה קאליש האט געוויילט אויף אייניקע טעג אין לאנדאן, אויף א יידיש־ליטעראַרישן אוונט ביי די שבת נאכמיטאגס האט זי דערציילט פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט אין לייוויק־הויז אין תל-אביב.

° ° °

י. ח. קלינגער האט גערעדט איבער איצט קולטור־לעבן אין ישראל.

° ° °

סירל י. ראסס, איינער פון די אנפירער פון בן־אורי פאריין, איז געשטארבן.

° ° °

דער סקולפטאר, מאקס סאקאל, איז פארגאנגענעם חודש געשטארבן. אונזער טיפע מיטלייד דריקן מיר אויס צו דער משפחה פון דעם באקאנטן קינסטלער.

° ° °

אונזער טיפער מיטלייד דעם פריינד נ. רובין צום נפטר ווערן פון זיין שוועסטער.

° ° °

ד״ר י. זיידל איז געווארן א בן־שבעים. מיר ווינטשן אים נאך אסך יארן פון ארבעט און נחת מיט זיין פרוי.

° ° °

צו דער חתונה פונם אייניקל פון פאעט יוסף הלל און מרים לעווי, אננא, די טאכטער פון אברהם און מאי לעווי, מיט פיליפ קאנדעלאס, ווינטשן מיר חתן־כלה און די מחותנים פון ביידע צדדים א הארציקן מזל־טוב.

° ° °

זונטאג, דעם 9טן סעפטעמבער, 3 אזייגער נאכמיטאג, קומט פאר אין טאוינבי האל א גרויסע פייערונג לכבוד דעם 100סטן געבוירן־יאר פון רודאלף ראקער. די רעדנער וועלן זיין ד״ר ש. לעווענבערג, יוסף לעפטאוויטש, פראפ. פישמאן און אנדערע.

° ° °

פונם קומענדיקן חודש אן וועלן אונזערע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס פארקומען אין „ברעדי־קלוב“, הענברי סטר. 192 א.1. יעדן שבת 3 אזייגער.



דער פעדאגאג און מלומד ליפע קארן איז נפטר געווארן.

° ° °

די פאטאגראפיע־אויסשטעלונג פון איצט ווייטשעפל אין דער ווייטשעפל ארט גאלעריע ציט צי א גרויסן עולם באזוכער. אין דער יידישער אפטיילונג האט מען געקענט זען דעם „הצופה“ (1894) די פאטאס פון אימבערן און ווינטשעווסקין, בילדער פון יידישע שרייבער און אקטיאָרן.

° ° °

סעם דרין האט גערעדט ביי די שבת נאכמיטאגס איבער רודאלף ראקערס קולטור־ארבעט אין ווייטשעפל צו ראקערס 100 געבוירן יאר.

° ° °

י. א. ליסקי האט ביי די שבת נאכמיטאגס געהאלטן א פארטראג איבער מדינת־ישראל.

° ° °

פריינט פון יידיש לשון באגריסט ביי א שבת־נאכמיטאג דעם בארימטן פאעט און שרייבער אהרן צייטלין צו זיין יובל פונם 75 געבוירן יאר און ווינטש אים עד מאה ועשרים.

° ° °

דער אקטיאר סעם גאלדבערג האט גערעדט ביי די שבת נאכמיטאגס איבערן יידישן טעאטער אין אמעריקע.

° ° °

דער קול-רינה־קאר האט געזינגען אין סטעפני גרין סינאגאג. לילי נאראד ביים פיאנא. דריגירט: יאהאנא מעצגער.

° ° °

ביי שבת־נאכמיטאג געווידמעט דעם יידישן ליד האט מאיר באגדאנסקי געזינגען זיינע לידער־קאמפאזיציעס. רות באכנער און יוסף גרינבערג האבן זיך באטייליקט מיט רעליגיעזע און פאלקס־לידער.

° ° °

די באקאנטע לאנדאנער אקטריסע מיני שערמאן איז לעצטן חודש געשטארבן, זי לאזט א טאכטער אן איידעם און אייניקלעך, ביים קבר האבן זי חברים־אקטיארן מספיד געווען.

° ° °

רעוו. ד״ר יאזעף, אן אנגעזעענער גאבאי פון דער העקני סינאגאגע, מזרח־לאנדאן, איז נפטר געווארן.

° ° °

אין דער וואדינגטאן גאלעריע קאק סטר. 35, וועט זיין אן אויסשטעלונג פונם לאנדאנער גוט־באקאנטן מאלער אלווא. פון 4 ביזן 29׳סטן סעפטעמבער.

מיר ווינטשן אונזער פריינט און חבר, שיע בירנבוים, א רפואה שלימה.

° ° °

דער שרייבער און היסטאריקער פון א דרום אפריקאנישן יידן, לייבל פעלדמאן, איז דא אויף א לענגערן באזוך אין לאנדאן.

° ° °

דעם 9-טן סעפטעמבער 11.45 שטעלט מען די מצבה פון אהרן ראלין אויפן בושי בית עולם.

° ° °

פריינט משה סטאקול געפינט זיך אין יידישן שפיטאל, מיר ווינטשן א רפואה שלימה.

° ° °

דער יידישער קולטור-קאנגרעס מעלדעט אז די זשורי פון ווילי און ליזא שאר סטיפענדיע־פאנד האט באשטימט צוצוטיילן די פרעמיע צו ד״ר יעקב מייטליס, לאנדאן, פאר זיין בוך וועגן דער עלטערער יידישער ליטעראטור און אויך דעם עסייאיסט פון ליטעראטור־קריטיקער, י. הארן, פון בוענאס איירעס.

° ° °

דער באוואוסטער יידישער שוישפילער און פאלקס־זינגער, סעם גאלדבערג, גרייט צו א נייע ליטעראַרישע פאלקס־פארשטעלונג, „מרדכי געבירטיק זינגט“. סעם גאלדבערג איז ערשט נישט לאנג צוריקגעקומען פון א טור אין אמעריקע.

° ° °

מרים לעווין, די אלמנה פון שמואל לעווין, האט געוויילט אייניקע וואכן אין לאנדאן.

° ° °

ד״ר צעלינא סאקאלאוו געפינט זיך שוין זינט אייניקע וואכן אין שפיטאל, מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

° ° °

י. ח. קלינגער האט געהאלטן א פארטראג איבער שלום אש צו דער 16טער יארצייט פונם נפטר ביי די „יידיש־ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס“. געלייענט פונם נפטרס שריפטן האבן אייזיק גאלדבערג און נעט רובין.

° ° °

אייניקע וואכן זענען די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ געווען געשלאסן. זיי האבן זיך ווידער אן דעם 25סטן אויגוסט.

° ° °

דעם לעצטן שבת פאר דער שליסונג האט מען גערעדט איבער די לעצטנס נפטר גע־

וואָרענע צוויי באַדייטנדיקע דיכטער: איבער דעם העברעאישן פּאָעט אין ישׂראל, אברהם שלאָנסקי און דעם סאָוויעטישן — יעקב שטערנבערג.

* * *

ביי דער „לעבעדיקער צייטונג", איינגעאָרדנט פון שרייבער־פאַריין און יידישן קולטור־קאָנגרעס, אין חודש יולי, האָבן גערעדט דוד ניב, רעדאַקטאָר פון „האומה", ירושלים, און אלחנן מייקלסאָן. ד"ר י. זיידל האָט רעפערירט איבער הומאָר אין ישׂראל. געזונגען יידישע און העברעאישע לידער האָט דער קול רינה־קאָר, ביים קלאַוויר לילי נאַגאַד. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יוסף פרענקל.

* * *

ליידי רעדינג, די געוועזענע פאָרזיצערין פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, איז לעצטנס געשטאָרבן.

* * *

יוסף לודן, דער רעדאַקטאָר פונם אַנאַר־כיסטישן זשורנאַל „פּראָבלעמען וואָס דערשיינען אין ישׂראל", איז דאָ געווען אין לאָנדאָן אויף אַ קורצן באַזוך.

א. נ. שטענצל

# פרילינג-ליד

איינגעהילט אין בלויען תכלת־הימל,
מיט ווייס־צעשטרעקטע, בענטשנדיקע הענט,
שטייט דער פּירוש־צעבליטער בוים אין דער זון
און שיט ברכות־צווייט אָן אַ סוף, אָן ענד.

דאָס יונגע פייגעלע — אַ כהנדל,
אַקאָרשט פונם נעסטל אַרויסגעשוועבט,
ציטערט מיט די פליגעלעך און זאָגט נאָך:
„יברכך" — דאָך פרילינג דערלעבט.

בלויז אָן שלום — צוקאַפּנס פון אַ מת
שטייט יעדער בליטן־צעקנאָספּעטער בוים,
און דאָס געשוויטשער פון די פייגעלעך,
נאָך זייער טאַטן אַ קדיש יתום.

האָב איך מורא דעם בליק אויפצוהויבן,
די זון הענגט איבער מיין קאָפּ ווי ג'אַט'סע טרער —
אַז וואָס נוצן אַלע גוטע ברכות?..
ביז דעם „וישם לך שלום" כ'דערהער.

בייג איך מיך אַראָפּ צו דער מאַמע ערד,
און פייכטן טוי כ'טונק מיינע הענט איין,
און מיט צוויי צעשטראַלטע פרילינג־אויגן,
פרייז־צעציטערט כ'שעפּטשע שטיל נאָך „אמן".






ACADEMY

## פון דער צוגעשיקטער באגריסונג צום נייעם יאר פונם

## בארד אף דעפיוטיס-פרעזידענט — סאמועל פישער

דר יעצטיקער דור לעבט צו נאנט צו די ווונדערלעכע פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין אונזער עפאכע; די געשיכטע וועט קענען דערציילן פונם ווידערגעבוירן ווערן פון מדינת־ישראל — דער גרעסטער קוראזש איז געוויזן געווארן פון אונזערע ברידער אין סאוויעט־לאנד און די גרויסע עליה פון די יידן אין די אראבישע לענדער.

די וואס לעבן אין לענדער פון פרייהייט, מוזן אלץ טון צו העלפן די אנדערע, וואס זיינען נישט אזוי מזלדיק.

לאמיר האפן, אז מיר וועלן באקומען די ברכות פון גאט, צו באשאפן א גליקלעכע און שלומדיקע וועלט.



308

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־3 (העפט 20־417) 35־סטער יאר אקט.־יאנואר 1974 לאנדאן

אינהאלט:

יום־כיפור מלחמה, חנוכה, ירושלים ........ *** 3
דער נישט־אנאנימער סאלדאט, ........ משה שמיר 22
דער פסק דין (א חסידישע מעשה) ........ יוסף וויינשטיין 25
דער וואנדערער ........ אסתר ערליכמאן 29
א ניי לעבן (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 30
די שלאנג (דערציילונג) ........ וויליאם סאריאן 31
בוקארעסט, קאנסטאנצא און קיעוו ........ מאשא גרינבוים 36
דער שורש (המשך) לעצטע לידער ........ א. נ. שטענצל 46
אלוואן לזכרון (געהאלטן ביי דער לויה פונם קינסטלער) הארי ראיאק 59
הדסה קענסטנס ווארט־קאנצערט ........ סעם גאלדבערג 60
לאנדאנער יידן דעמאנסטרירן זייער סאלידאריטעט מיט ישראל דוד בערמאן 61
קאנצערט מיט פאלקס לידער ........ אייזיק גאלדבערג 64
דאס פענסטער (ליד) ........ אהרן צייטלין 64

**רעדאקציע נאטיץ:** דער נומער האט געזאלט ארויס צו חנוכה נאר איבער דער ארבעטס־לאגע דא איצט איז ער פארשפעטיקט און א סך מאטעריאל מוז איבערבלייבן, אויך די לאנדאנער קולטור ידיעות.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
אבאנאמענט־פרייז :—£1.50 פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and Edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*